## זֶה הַשַּׁעַר לַה׳ צַדִּיקִים יָבוֹאוּ בוֹ

### סֵפֶר

# לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן

הַנִּכְבָּד וְהַנּוֹרָא, מִי כָמוֹהוּ מוֹרֶה, הַיּוֹצֵא בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, מִפִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, נְבוֹן לַחַשׁ וַחֲכַם חֲרָשִׁים. הֲלֹא הוּא כְּבוֹד אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב הָאֱמֶת, הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ הָאֲמִתִּי, נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, אוֹר יִשְׂרָאֵל וּקְדוֹשׁוֹ, הַמְפֻרְסָם בְּכָל קַצְוֵי אֶרֶץ וְיָם רְחוֹקִים. שְׁמוֹ קֹדֶשׁ. מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב רַבִּי **נַחְמָן** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, מִקְּהִלַּת **בְּרֶסְלֶב**, בְּהָרַב הַוָּתִיק וְחָסִיד, מוֹרֵנוּ הָרַב שִׂמְחָה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, בֶּן לְאוֹתוֹ צַדִּיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ הַמְפֻרְסָם, מוֹרֵנוּ הָרַב נַחְמָן הָארִידֶענְקֶיר זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. וּמִצַּד אִמּוֹ הַצַּדֶּקֶת הַמְפֻרְסֶמֶת בְּשֵׁם טוֹב, מָרַת פֵיגֶא זצ״ל. הוּא נִין וָנֶכֶד לְהָרַב הַקָּדוֹשׁ, רַבָּן שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל, קָדוֹשׁ שְׁמוֹ, מוֹרֵנוּ הָרַב יִשְׂרָאֵל **בַּעַל־שֵׁם־טוֹב** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. יִשְׂמַח אָבִיךָ וְאִמֶּךָ וְתָגֵל יוֹלַדְתֶּךָ. עֲטֶרֶת זְקֵנִים בְּנֵי בָנִים. בִּזְכוּתָם יָאִיר עָלֵינוּ חַסְדֵי דָּוִד הַנֶּאֱמָנִים. וְנִזְכֶּה לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה׳ פָּנִים אֶל פָּנִים. חִישׁ קַל מְהֵרָה נָשׁוּב לְצִיּוֹן בִּרְנָנִים. בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן:

### עִם פֵּירוּשׁ

## שְׂפָתַי תִּפְתָּח

### אִידִישׁ

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע״י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וֶהֱפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֵה דֶרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטְּאקְאֵי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

# הספר הקדוש הזה

## נדפס לזכות
## מורינו ראש הישיבה שליט"א
וזוגתו
## אסתר גיטל תחי',

וילדיהם
## שלמה ומשפ',
## אלחנן חיים ומשפ',
## מרים העניא זיסל ומשפ',
## שמעון ומשפ',
## נחמן נתן, יצחק דוד, צבי, רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל, מלכה.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לדוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

# הַקְדָמָה

דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים נא, יז): "ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח" הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן מִיר מַיין מויל, "וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ" אִיךְ זָאל דִיךְ קֶענֶען דַאנְקֶען און לויבְּן. וַוייל צוּלִיבּ דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, מִיר זָאלְן וִויסְן און אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, עֶר פִירְט אַלֶעס, און אִים דַאנְקֶען און לויבְּן. דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז; עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ קְלָארֶע, לויטֶערֶע, רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען הויבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר און נֶעבְּן מִיר', און וֶוען מֶען אִיז זוכֶה דָאס צוּ שְׁפִּירְן - עֶפְנְט זִיךְ דִי מויל און מֶען הויבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פֵּירוּשׁ "שְׂפָתַי תִּפְתָּח" אִיז אַ גְרִינְגֶע לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אויפְ'ן הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער פֵּירוּשׁ אִיז גֶעבּוֹיט אויף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּנֶעם גְרויסְן צַדִיק מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: שְׂפַת הַנַחַל, דְרָשׁוֹת מוֹהֲרָא"שׁ און סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל; אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט און גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אויף אַ גְרִינְגֶע וֶועג פַאר דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים, אַז דִי הַיינְטִיגֶע מֹחוֹת זָאלְן אויךְ הָאבְּן אַ טַעַם און אַ גֶעפִיל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. זֵיי זָאלְן אויךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט) מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, און וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת - וֶועט זִיךְ אִים אויפְשְׁטָאפְּן אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.

**אִיךְ** הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן עֶפְנְט אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס) פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר אִיז 'אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ' בְּקוֹל צַדִיקִים, אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים - אִיז מֶען אַן 'אֵינוֹ מְדַבֵּר', רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶּער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִיק, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - וֶוערְט "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", דִי לִיפְּן עֶפֶענֶען זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אוֹיךְ** אִין דִי וָוארְט 'שְׂפָתַי' אִיז דָא דִי וָוארְט 'שְׂפַת' וַוייל דָאס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְן הֵיילִיגְן סֵפֶר "שְׂפַת הַנַחַל" אוּן אִינֶעם אוֹת יוּ"ד אִיז מְרוּמָז מַיין נָאמֶען.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארְרֶעכְטְן אַלֶעם וָואס אִיךְ דַארְף מְתַקֵן זַיין; מַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה. אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה, וֶוען עֶס וֶועט זַיין וּ'מֶלֶךְ אֶ'חָד יִ'הְיֶה לְ'כֻלָּם (יְחֶזְקֵאל לז, כב)

## ח

**רָאִיתִי וְהִנֵּה מְנוֹרַת זָהָב כֻּלָּהּ וְגֻלָּהּ עַל רֹאשָׁהּ וְכוּ'** (זְכַרְיָה ד', וְהוּא הַפְטָרַת שַׁבַּת חֲנֻכָּה).

**א** הִנֵּה יָקָר גְּנוּחֵי וְנֹהַ (שֶׁקּוֹרִין קְרֶעכְץ) מֵאִישׁ יִשְׂרְאֵלִי, כִּי הוּא שְׁלֵמוּת הַחֶסְרוֹנוֹת. כִּי עַל-יְדֵי בְּחִינַת הַנְּשִׁימָה, שֶׁהוּא הָרוּחַ חַיִּים, נִבְרָא הָעוֹלָם, כְּמוֹ

**ח רָאִיתִי וְהִנֵּה מְנוֹרַת זָהָב כֻּלָּהּ וְגֻלָּהּ עַל רֹאשָׁהּ וְכוּ'** (זְכַרְיָה ד', וְהוּא הַפְטָרַת שַׁבַּת חֲנֻכָּה).

**א הִנֵּה יָקָר גְּנוּחֵי וְנֹהַ (שֶׁקּוֹרִין קְרֶעכְץ) מֵאִישׁ יִשְׂרְאֵלִי** עֶס אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב אַ קְרֶעכְץ וָואס אַ אִיד קְרֶעכְצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קְרֶעכְצְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אָדֶער אוֹיף סַיי וֶועלְכֶע זַאכְן וָואס גֵייעֶן אוֹיף אִים אַרִיבֶּער - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶרְפִילְט זַיין גֶעבֶּעט.

**ווייל** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר קְרֶעכְצְט אוּן זָאגְט: '**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער, אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי מִיר מוֹחֵל אוּן זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר**' - אִיז דָאס זֵייעֶר טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז דִי מַעֲלָה אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן אַ קְרֶעכְץ פוּן אַ אִיד, אוּן אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּקְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פֶּעלְט מֶער גָארְנִישְׁט, **כִּי הוּא שְׁלֵמוּת הַחֶסְרוֹנוֹת** ווייל דָאס אִיז וָואס עֶרְפִילְט פַארְן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס פֶּעלְט אִים.

[ווייל ווִי נָאר מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין לֶעבְּן פֶּעלְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט פַארְן מֶענְטְשׁ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּן נְדָרִים מא.): 'דַּעַת קָנִיתָ' אַז מֶען ווייסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווייסְט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - 'מַה חָסַרְתָּ' וָואס פֶּעלְט דִיר דֶען? (עֶס פֶּעלְט דִיר גָארְנִישְׁט), אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם 'דַּעַת חָסַרְתָּ' מֶען ווייסְט נִישְׁט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווייסְט נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן אוּן אוֹיסְוויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - 'מַה קָּנִיתָ' וָואס הָאסְטוּ? **מֶען** זֶעט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, מִיט הַייזֶער, שִׁיפְן אוּן וָואס נִישְׁט, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן, זֵיי שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג ווִי עֶס פֶּעלְט זֵיי אִין לֶעבְּן, אוּן ווִידֶער זֶענֶען דָא אָרֶעמֶעלַייט וָואס קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט דֶעקְן אָבֶּער זֵיי זֶענֶען פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, זֵיי זָאגְן שְׁטֶענְדִיג 'שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן', 'שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר וָואס אִיךְ הָאבּ', זֵיי לֶעבְּן מֶער אַ צוּפְרִידֶענֶע לֶעבְּן ווִי דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, ווייל זֵיי הָאבְּן 'דַּעַת', זֵיי לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיי זֵיי אִיז דָא שְׁלֵמוּת הַחֶסְרוֹנוֹת, עֶס פֶּעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט].

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי מַסְבִּיר זַיין ווִי אַזוֹי אַ קְרֶעכְץ עֶרְפִילְט דִי זַאכְן וָואס פֶּעלְט פַארְן מֶענְטְשׁ. **כִּי עַל יְדֵי בְּחִינַת הַנְּשִׁימָה** ווייל דוּרְךְ דִי אָטֶעם, **שֶׁהוּא הָרוּחַ חַיִּים** וָואס דָאס אִיז כִּבְיָכוֹל דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - **נִבְרָא הָעוֹלָם** אִיז דִי וֶועלְט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן. **כְּמוֹ**

**שֶׁכָּתוּב** (תְּהִלִּים ל"ג): "**וּבְרוּחַ פִּיו כָּל צְבָאָם**". וְחִדּוּשׁ הָעוֹלָם יִהְיֶה גַּם־כֵּן בִּבְחִינַת הָרוּחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ק"ד): "תְּשַׁלַּח רוּחֲךָ יִבָּרֵאוּן וּתְחַדֵּשׁ פְּנֵי אֲדָמָה". וְהוּא גַּם כֵּן חִיּוּת הָאָדָם, כִּי חִיּוּת הָאָדָם הוּא הַנְּשִׁימָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית ב): "וַיִּפַּח בְּאַפָּיו נִשְׁמַת חַיִּים", וּכְתִיב (שָׁם ז): "כֹּל אֲשֶׁר נִשְׁמַת רוּחַ חַיִּים בְּאַפָּיו". וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמִים: 'אִם תֶּחְסַר הַנְּשִׁימָה — תֶּחְסַר הַחַיִּים'.

**שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל"ג, ו): '**וּבְרוּחַ פִּיו**' אוּן מִיטְן בְּלָאזְן פוּן זַיין מוֹיל, '**כָּל צְבָאָם**' זֶענֶען גֶעוָוארְן אַלֶע הֶערְשַׁאפְטְן; דָאס הֵייסְט, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִין אָנְהוֹיבּ דוּרְךְ דִי לוּפְט אוּן אָטֶעם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, נָאר אוֹיפְן אָטֶעם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ווִיבַּאלְד עֶס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן מֶענְטְשְׁן, מֶען זֶעט דָאס נִישְׁט אוּן מֶען שְׁפִּירְט דָאס נִישְׁט, דֶערְפַאר זָאגְן אַלֶע 'עֶס פֶּעלְט אוּנְז', אַלֶע זֶענֶען פוּל מִיט חֶסְרוֹנוֹת, אוּן דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער גָלוּת, מֶען פַארְגֶעסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אוּן וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָּה שְׁטֵייט (זְכַרְיָ' יג, ב): 'וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען דִי 'רוּחַ' הַטוּמְאָה, אוּן עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לו, כז): 'וְאֶת רוּחִי אֶתֵּן בְּקִרְבְּכֶם', אַלֶע וֶועלְן זֶען אַז דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְחִדּוּשׁ הָעוֹלָם** אוּן דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט בַּאנֵייעֶן דִי וֶועלְט **יִהְיֶה גַּם כֵּן בִּבְחִינַת הָרוּחַ** וֶועט אוֹיךְ זַיין דוּרְךְ לוּפְט, וָואס דָאס אִיז כִּבְיָכוֹל דִי גֵייסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם ק"ד, ל): '**תְּשַׁלַּח רוּחֲךָ**' דוּ וֶועסְט שִׁיקְן דַיין גֵייסְט צוּ דִי מֶענְטְשְׁן בִּשְׁעַת תְּחִיַּית הַמֵּתִים, '**יִבָּרֵאוּן**' אוּן דַאן וֶועלְן זֵיי ווִידֶער בַּאשַׁאפְן וֶוערְן, '**וּתְחַדֵּשׁ**' אוּן דוּ וֶועסְט בַּאנֵייעֶן, '**פְּנֵי אֲדָמָה**' דִי פָּנִים פוּן דִי עֶרְד; דָאס אִיז בִּכְלָלִיוּת אִין דִי וֶועלְט, **וְהוּא גַּם כֵּן חִיּוּת הָאָדָם** אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בִּפְרָטִיּוּת בַּיים מֶענְטְשׁ, וָואס אִיז אַ קְלֵיינֶע וֶועלְט; זַיין גַאנְצֶע חִיּוּת אוּן לֶעבְּן אִיז דוּרְךְ דִי לוּפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אִין אִים. **כִּי חִיּוּת הָאָדָם** ווַייל דָאס לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, **הוּא הַנְּשִׁימָה** אִיז דָאס אָטֶעמֶען. **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, ז): '**וַיִּפַּח בְּאַפָּיו**' אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אִין זַיינֶע נָאז לֶעכֶער, '**נִשְׁמַת חַיִּים**' אַ לֶעבֶּעדִיגֶע נְשָׁמָה, **וּכְתִיב** אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם ז, כב): '**כֹּל אֲשֶׁר נִשְׁמַת רוּחַ חַיִּים בְּאַפָּיו**' יֶעדֶער וָואס אִיז דָא אִין זַיין נָאז לֶעכֶער אַן אָטֶעם פוּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, **וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמִים** אוּן אַזוֹי ווִי דִי חֲכָמִים זָאגְן (עַיֵּין סֵפֶר מַעֲשֵׂה טוֹבִיָּה בֵּית חָדָשׁ שַׁעַר ב', רֵישׁ פֶּרֶק א): '**אִם תֶּחְסַר הַנְּשִׁימָה**' אוֹיבּ עֶס פֶּעלְט דִי אָטֶעם, '**תֶּחְסַר הַחַיִּים**' פֶּעלְט דִי לֶעבְּן, דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיבּ מֶען לֶעבְּט נִישְׁט

מִיטְן אײבֶּערשְׁטְן, לֶעבְּט מֶען נִישְׁט. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת יח.): 'רְשָׁעִים בְּחַיֵּיהֶם' דִי רְשָׁעִים, בַּיים לֶעבְּן – 'קְרוּיִים מֵתִים' זֶענֶען זֵיי שׁוֹין גֶערֶעכְנְט וִוי טוֹיטֶע, וַוייל אַז מֶען שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אײבֶּערשְׁטְן שֵׁיידְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אָטֶעם.

**נִמְצָא** כִּי עִקַּר חִיּוּת כָּל הַדְּבָרִים הוּא בִּבְחִינַת רוּחַ; וּכְשֶׁיֵּשׁ חִסָּרוֹן בְּאֵיזֶה דָּבָר, עִקַּר הַחִסָּרוֹן הוּא בִּבְחִינַת הַחִיּוּת שֶׁל אוֹתוֹ הַדָּבָר, שֶׁהוּא בְּחִינַת הָרוּחַ־חַיִּים שֶׁל אוֹתוֹ הַדָּבָר, לַאֲשֶׁר הָרוּחַ הוּא הַמְקַיֵּם הַדָּבָר. וְהָאֲנָחָה הוּא אֲרִיכַת הַנְּשִׁימָה, וְהוּא בִּבְחִינַת "אֶרֶךְ אַפַּיִם", דְּהַיְנוּ מַאֲרִיךְ רוּחֵהּ. וְעַל כֵּן כְּשֶׁמִּתְאַנֵּחַ עַל הַחִסָּרוֹן וּמַאֲרִיךְ רוּחֵהּ, הוּא מַמְשִׁיךְ רוּחַ־הַחַיִּים לְהַחִסָּרוֹן, כִּי עִקַּר הַחִסָּרוֹן הוּא הִסְתַּלְּקוּת הָרוּחַ־חַיִּים כַּנַּ"ל, וְעַל כֵּן עַל־יְדֵי הָאֲנָחָה מַשְׁלִים הַחִסָּרוֹן.

**יֶעצְט**, אוֹיבּ אַלֶעס וָואס אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן אוֹיךְ אַלֶעס וָואס וֶועט זַיין – אִיז פוּן דִי גֵייסְט פוּנֶעם אײבֶּערשְׁטְן, **נִמְצָא** קוּמְט אוֹיס, כִּי עִקַּר חִיּוּת כָּל הַדְּבָרִים אַז דִי עִיקֶר לֶעבְּן פוּן אַלֶע זַאכְן – **הוּא** בִּבְחִינַת רוּחַ אִיז דִי לוּפְט וָואס דֶער אײבֶּערשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אִין זֵיי, וּכְשֶׁיֵּשׁ חִסָּרוֹן בְּאֵיזֶה דָּבָר אוּן אוֹיבּ עֶס פֶעלְט עֶפֶּעס, עִקַּר הַחִסָּרוֹן הוּא וָואס פֶעלְט? בִּבְחִינַת הַחִיּוּת שֶׁל אוֹתוֹ הַדָּבָר דִי לֶעבֶּעדִיגְקֵייט פוּן דִי זַאךְ, שֶׁהוּא וָואס דָאס אִיז בְּחִינַת הָרוּחַ חַיִּים שֶׁל אוֹתוֹ הַדָּבָר דִי גֵייסְט פוּן דִי זַאךְ, לַאֲשֶׁר הָרוּחַ וַוייל דִי גֶעטְלִיכְקֵייט – הוּא הַמְקַיֵּם הַדָּבָר דָאס אִיז דִי עֶקְזִיסְטֶענְץ פוּן דִי זַאךְ, וָואס מַאכְט אַז דִי זַאךְ זָאל קֶענֶען עֶקְזִיסְטִירְן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

**וְהָאֲנָחָה** אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קְרֶעכְצְט זִיךְ אוֹיס בַּיים דַאוֶוענֶען צוּם אײבֶּערשְׁטְן – **הוּא אֲרִיכַת הַנְּשִׁימָה** גֶעבְּט עֶר אַ טִיפֶע אָטֶעם. וַוייל יֶעדֶע קְרֶעכְץ קוּמְט דוּרְךְ אַ לֶענְגֶערֶע אָטֶעם, **וְהוּא בִּבְחִינַת 'אֶרֶךְ אַפַּיִם'** (שְׁמוֹת לד, ו) אוּן דָאס אַלֵיין אִיז דִי מִדָּה פוּן הָאבְּן 'אֲרִיכוּת אַפַּיִם', דְּהַיְנוּ מַאֲרִיךְ רוּחֵהּ אַז מֶען מַאכְט אַ לַאנְגֶע אָטֶעם, מֶען הָאט סַבְלָנוּת אוֹיף וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, מֶען וֵוייסְט אַז עֶס קוּמְט פוּנֶעם אײבֶּערשְׁטְן, מֶען שְׁוַוייגְט אוּן מֶען לַיידְט, דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'אֲרִיכוּת אַפַּיִם' מֶען הָאט אַ לַאנְגֶע אָטֶעם, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן, אוּן אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת וֶוערְן עֶרְפִילְט.

**וְעַל כֵּן** דֶערְפַאר, כְּשֶׁמִּתְאַנֵּחַ עַל הַחִסָּרוֹן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קְרֶעכְצְט זִיךְ אוֹיס צוּם אײבֶּערשְׁטְן אוֹיף וָואס עֶס פֶעלְט אִים, וּמַאֲרִיךְ רוּחֵהּ אוּן עֶר טוּט פַארְלֶענְגֶערְן דִי אָטֶעם, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר קְרֶעכְצְט – הוּא מַמְשִׁיךְ רוּחַ הַחַיִּים לְהַחִסָּרוֹן צִיט עֶר דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט צוּ דִי חִסָּרוֹן וָואס פֶעלְט אִים. כִּי עִקַּר הַחִסָּרוֹן וַוייל וֶוען עֶס פֶעלְט אִים עֶפֶּעס, הוּא הִסְתַּלְּקוּת הָרוּחַ חַיִּים אִיז דָאס דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט פוּנֶעם אײבֶּערשְׁטְן וָואס פֶעלְט אִים, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. וְעַל כֵּן אוּן דֶערְפַאר עַל יְדֵי הָאֲנָחָה דוּרְכְדֶעם וָואס

עֶר קְרֶעכְצְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַשְׁלִים הַחִסָּרוֹן וֶוערְט אָנְגֶעפִילְט אַלֶעס וָואס פֶעלְט אִים. אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם טֶבַע, אַז וֶוען מֶען קְרֶעכְצְט קוּמְט אַרוֹיס אַ לַאנְגֶע אָטֶעם, כְּדַאי אַז מִיט דֶעם זָאל פַארְרַאכְטְן וֶוערְן אוּן אָנְגֶעפִילְט וֶוערְן אַלֶעס וָואס פֶּעלְט אִים, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קְרֶעכְצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אַלֵיין הֶעלְפְט אִים צוּ עֶרְפִילְן זַיינֶע בַּקָשׁוֹת, אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן זֶען אַז עֶס פֶעלְט אִים מֶער גָארְנִישְׁט, ווַייל דָאס קְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אַלֵיין גֶעבְּט אִים 'רוּחַ חַיִים' אַ גֵייסְט צוּם לֶעבְּן.

**ב אַךְ מֵאַיִן מְקַבְּלִין הָרוּחַ־חַיִּים? דַּע, שֶׁעִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר, כִּי עִקַּר רוּחַ־הַחַיִּים הוּא בְּהַתּוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם א): "וְרוּחַ אֱלֹקִים מְרַחֶפֶת עַל פְּנֵי הַמָּיִם" — הוּא הַתּוֹרָה, וְהַצַּדִּיקִים דְּבֵקִים בַּתּוֹרָה, וְעַל כֵּן עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים הוּא אֶצְלָם.**

**ב אַךְ** מֵאַיִן מְקַבְּלִין הָרוּחַ חַיִּים אָבֶער ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט? פוּן וואוּ בַּאקוּמְט מֶען דָאס? דַּע ווִיסְן זָאלְסְטוּ, שֶׁעִקַּר הָרוּחַ חַיִּים אַז דֶער עִיקָר לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט - מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר בַּאקוּמְט מֶען פוּנֶעם צַדִּיק אוּן רֶבִּי פוּנֶעם דוֹר. כִּי עִקַּר רוּחַ הַחַיִּים ווַייל דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הוּא בְּהַתּוֹרָה אִיז אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, ווַייל וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי לִיכְטִיג, מֶען הָאט גֶעקֶענְט זֶען פוּן אֵיין עֶק וֶועלְט בִּיז דִי אַנְדֶערֶע עֶק וֶועלְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יב.), אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעקוּקְט מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזֶען וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי דוֹר הַמַּבּוּל אוּן דִי דוֹר הַפְּלָגָה, ווִי זֵיי גֵייעֶן זִינְדִיגְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְטְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט, 'וּלְמִי גְּנָזוֹ' אוּן פַאר וֶועם הָאט עֶר דָאס בַּאהַאלְטְן? 'לַצַּדִּיקִים' פַאר דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, 'וְהֵיכָן גְּנָזוֹ' אוּן וואוּ הָאט עֶר דָאס בַּאהַאלְטְן? זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּנְחוּמָא נֹחַ, ג): 'לַעֲמֵלֵי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה', אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז בַּאהַאלְטְן דִי גֵייסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם א, ב): 'וְרוּחַ אֱלֹקִים מְרַחֶפֶת עַל פְּנֵי הַמָּיִם' דֶער גֵייסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט גֶעשְׁוֶועבְּט אוֹיף דִי וַואסֶער, זָאגְט דֶער רֶבִּי 'עַל פְּנֵי הַמַּיִם' - הוּא הַתּוֹרָה דָאס אִיז דִי תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז.) דִי תּוֹרָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ וַואסֶער, נָאךְ זָאגְן זֵיי (בָּבָא קַמָּא יז.): 'אֵין מַיִם אֶלָּא תּוֹרָה' וואוּ עֶס שְׁטֵייט דִי וָוארְט וַואסֶער מֵיינְט מֶען דִי תּוֹרָה; זֶעט מֶען פוּנֶעם פָּסוּק אַז דִי רוּחַ חַיִּים לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה, וְהַצַּדִּיקִים אוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, דְּבֵקִים בַּתּוֹרָה זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי תּוֹרָה, וְעַל כֵּן עִקַּר הָרוּחַ חַיִּים הוּא אֶצְלָם דֶערְפַאר אִיז בַּיים צַדִּיק דָא דֶער עִיקָר 'רוּחַ חַיִּים'.

[לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס מֵיינְט דֶער רֶבִּי צוּ זָאגְן אַז דֶער צַדִּיק גֶעבְּט רוּחַ חַיִּים? מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז

**וּכְשֶׁהוּא** מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר, כְּשֶׁהוּא מִתְאַנֵּחַ וּמַאֲרִיךְ רוּחֵהּ, מַמְשִׁיךְ רוּחַ־הַחַיִּים מֵהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר, שֶׁהוּא דָּבוּק בְּהַתּוֹרָה אֲשֶׁר שָׁם הָרוּחַ. וְזֶהוּ שֶׁנִּקְרָא הַצַּדִּיק (בְּמִדְבַּר כ"ז): "אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ" — 'שֶׁיּוֹדֵעַ לַהֲלֹךְ נֶגֶד רוּחוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד

דער אייבערשטער – ער האלט די וועלט, ער גיבט לעבן פאר אלעמען, דער אייבערשטער גיבט די רוח חיים, איז וואס זאגט דא דער רבי אז דער צדיק גיבט די רוח חיים? אבער אז מען קוקט ווי די וועלט פירט זיך, דרייען זיך מערסטנס מענטשן ארום אן וויסן ווער עס גיבט זיי לעבן, אן דעם צדיק ווייסט נישט דער מענטש ווער עס גיבט אים די 'רוח חיים'. נישט נאר דאס, נאר מען דרייט זיך ארום מיט קשיות אויפן אייבערשטן, מען האט טענות רחמנא לצלן אויפן אייבערשטן. דאס זאגט דער רבי, ווערט גיבט אונז רוח חיים? דער צדיק, ווייל נאר נאכדעם וואס מען איז זוכה צו קומען צום צדיק, ווייסט מען אז דער רוח חיים קומט פונעם אייבערשטן, און מען איז זיך אינגאנצן מבטל צום אייבערשטן, מען האט נישט מער קיין טענות און קיין קשיות אויפן אייבערשטן. קומט אויס, דאס וואס מען ווייסט אז דער אייבערשטער גיבט לעבן – דאס איז מען מקבל פונעם צדיק].

**וּכְשֶׁהוּא** מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר און ווען מען איז צוגעבינדן צום צדיק אמת פונעם דור, מען פאלגט דעם צדיק מיט זיינע עצות, מען לערנט די ספרים פון צדיק – ווערט פאר דעם מענטש אויך ליכטיג, עס ווערט אים אויך זיס, ער הויבט אן שפירן אין יעדע זאך חיות אלקותו יתברך, די לעבן ווערט אים א לעבעדיגע זאך. **כְּשֶׁהוּא מִתְאַנֵּחַ וּמַאֲרִיךְ רוּחֵהּ** און ווען דער מענטש קרעכצט זיך אויס צום אייבערשטן, **מַמְשִׁיךְ** ברענגט ער צו זיך **רוּחַ הַחַיִּים מֵהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר** די רוח חיים פונעם צדיק, **שֶׁהוּא דָּבוּק בְּהַתּוֹרָה** וואס איז צוגעקלעבט צו די תורה, **אֲשֶׁר שָׁם הָרוּחַ** וואס דארט – אין די תורה – איז באהאלטן דער אייבערשטער. ווייל די ליכטיגקייט פון שפירן דעם אייבערשטן, וואס דאס איז די רוח חיים וואס דער צדיק איז זוכה צו שפירן – קומט אויך אן צו די וואס האלטן זיך מיטן צדיק; ווי וואויל און ווי גוט איז צו זיין נעבן דעם צדיק און הערן די תורה און די עצות פון צדיק וואס דארט איז באהאלטן די רוח חיים, די וועלן אויך זוכה זיין צו באקומען די רוח חיים, שפירן פון די ליכטיגקייט, פון די זיסקייט און איינגענעמקייט פונעם אייבערשטן.

**וְזֶהוּ שֶׁנִּקְרָא הַצַּדִּיק** און דערפאר ווערט דער צדיק אנגערופן 'אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ', א מענטש וואס האט אין זיך א הייליגע גייסט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בְּמִדְבַּר כ"ז, יח): 'אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ', [דער מאן וואס איז דא אין אים א לעבעדיגע גייסט] און די הייליגע חכמים זאגן אז די פשט אין פסוק איז 'שֶׁיּוֹדֵעַ לַהֲלֹךְ' אז דער צדיק ווייסט ווי אזוי זיך אומצוגיין און ווי אזוי זיך צו פירן 'נֶגֶד רוּחוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד' מיט יעדן

וְאֶחָד' (כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם). כִּי הַצַּדִּיק מַמְשִׁיךְ וּמַשְׁלִים הָרוּחַ־חַיִּים שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד כַּנַּ"ל.

**וְזֶה** בְּחִינַת (בְּרָכוֹת ג:): 'רוּחַ צְפוֹנִית הַמְנַשֶּׁבֶת בְּכִנּוֹר שֶׁל דָּוִד' — כִּי כִּנּוֹר שֶׁל דָּוִד הָיָה שֶׁל חָמֵשׁ נִימִין, כְּנֶגֶד חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תוֹרָה; וְרוּחַ צָפוֹן

אײנעמ'ס גײסט (כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם). דֶער רֶבִּי זָאגְט נָאךְ אַ פְּשַׁט, 'אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ' דֶער צַדִּיק וָואס דִי רוּחַ חַיִּים אִיז בַּײ אִים, 'שֶׁיּוֹדֵעַ לַהֲלֹךְ נֶגֶד רוּחוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד', טַײטְשְׁט דֶער רֶבִּי - כִּי הַצַּדִּיק מַמְשִׁיךְ וּמַשְׁלִים הָרוּחַ חַיִּים שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט אוּן עֶרְפִילְט פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס פֶעלְט אִים, דוּרךְ אִים בְּרֶענְגֶען צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. [וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק אֱמֶת בַּאקוּמְט מֶען אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, מֶען בַּאקוּמְט אַ רוּחַ חַיִּים, אַ מוּט צוּ וֶועלְן לֶעבְּן. בִּיז יֶעצְט, אײדֶער מֶען אִיז גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיפְשְׁטֵיין, מֶען הָאט גֶעטְרַאכְט 'וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ לֶעבְּן? וָואס הָאבּ אִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין?' מֶען הָאט גֶעטְרַאכְט 'וָואוּ קֶען אִיךְ אַנְטְלוֹיפְן?' חַס וְשָׁלוֹם, עֶס הָאט גֶעפֶעלְט דִי רוּחַ חַיִּים, אוּן דֶער צַדִּיק גֶעבְּט אַ רוּחַ חַיִּים, מֶען ווִיל שׁוֹין לֶעבְּן, עֶר בְּלָאזְט אַרַיין אַ 'רוּחַ חַיִּים' צוּ וֶועלְן לֶעבְּן].

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי אַרַיינְפְלֶעכְטְן דָאס אַלֶעס אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן. וְזֶה בְּחִינַת (בְּרָכוֹת ג:) דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט אַ פִּידְל וָואס הָאט גֶעהָאנְגֶען הֶעכֶער זַיין בֶּעט, אוּן יֶעדֶע נַאכְט בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה אִיז גֶעקוּמֶען 'רוּחַ צְפוֹנִית' אַ ווִינְט פוּן צָפוֹן זַייט 'הַמְנַשֶּׁבֶת' אוּן גֶעבְּלָאזְן - 'בְּכִנּוֹר שֶׁל דָּוִד' אִין דִי פִּידְל פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ, אוּן עֶס הָאט פוּן זִיךְ אַלֵיין אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּילְן אוּן אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט צוּ גֵיין לֶערְנֶען. טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אַרַיין דִי זַאךְ וָואס מֶען הָאט פְּרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אַז דִי רוּחַ חַיִּים אִיז אִין דִי תּוֹרָה אוּן בַּיים צַדִּיק, וַוייל דִי פִּידְל פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ אִיז נִישְׁט סְתָּם אַ פִּידְל, דִי כִּנּוֹר דָאס מֵיינְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. כִּי כִּנּוֹר שֶׁל דָּוִד וַוייל דִי פִּידְל פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָיָה שֶׁל חָמֵשׁ נִימִין הָאט גֶעהַאט פִּינְף סְטְרוּנֶעס, כְּנֶגֶד חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תוֹרָה אַנְטְקֶעגְן דִי פִּינְף סְפָרִים פוּן דִי תּוֹרָה; דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל רְדִיפוֹת, אַזוֹיפִיל בִּזְיוֹנוֹת, אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים אוּן נָאר מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דָאס אִיז דִי כִּנּוֹר פוּן דָּוִד, דִי חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תּוֹרָה. אוּן דוּרךְ זִינְגֶען צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אײבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער - הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ רוּחַ חַיִּים, אַ גֶעטְלִיכֶער גֵייסְט זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן דָאס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת פוּן 'כִּנּוֹר' - נ"ר כ"ו, 'נֵר' מַיין לֶעכְט - אִיז 'כו' דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס זַיין נָאמֶען בַּאטְרֶעפְט כ"ו זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיג, אוּן נָאר אַזוֹי הָאט דָּוִד הַמֶּלֶךְ זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אוּן אַזוֹי הָאט עֶר פַארְפַאסְט דֶעם הֵיילִיגְן תְּהִלִּים.

שֶׁהָיְתָה מְנַשֶּׁבֶת בּוֹ הוּא בְּחִינַת "וְרוּחַ אֱלֹקִים מְרַחֶפֶת עַל פְּנֵי הַמָּיִם" הַנַּ"ל, כִּי רוּחַ צָפוֹן הוּא בְּחִינַת הָרוּחַ הַצָּפוּן בְּלִבּוֹ שֶׁל אָדָם, שֶׁהוּא בְּחִינַת הָרוּחַ־חַיִּים. כִּי צָפוֹן חָסֵר (בָּבָא בַּתְרָא כה:), וְהַחִסָּרוֹן הוּא בַּלֵּב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ל"ז): "וְיִתֶּן לְךָ מִשְׁאֲלֹת לִבֶּךָ"; "יְמַלֵּא ה' כָּל מִשְׁאֲלוֹתֶיךָ" (שָׁם כ). וְעִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים הוּא בַּלֵּב, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּתִקּוּנֵי־זֹהַר (תִּקּוּן יג): 'כֻּלְּהוּ שַׁיְפִין מִתְנַהֲגִין בָּתַר לִבָּא כְּמַלְכָּא' כוּ', כְּמָא דְּאַתְּ אָמַר (יְחֶזְקֵאל א): "אֶל אֲשֶׁר יִהְיֶה שָׁם הָרוּחַ לָלֶכֶת" כוּ'. כִּי הָרוּחַ

**וְרוּחַ צָפוֹן שֶׁהָיְתָה מְנַשֶּׁבֶת בּוֹ** און דָאס וָואס שְׁטֵייט אַז אַ צָפוֹן ווִינְט הָאט גֶעבְּלָאזְן אִינֶעם פִידְל, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, **הוּא בְּחִינַת** דָאס מֵיינְט מֶען 'וְרוּחַ אֱלֹקִים מְרַחֶפֶת עַל פְּנֵי הַמָּיִם' דִי רוּחַ חַיִּים, דִי גֵייסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס שְׁוֶועבְּט אוֹיף דִי וַואסֶער, הַנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, דִי רוּחַ חַיִּים וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים. **כִּי רוּחַ צָפוֹן** ווַייל דִי צָפוֹן ווִינְט **הוּא בְּחִינַת הָרוּחַ** דָאס מֵיינְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע גֵייסְט, **הַצָּפוּן** וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן **בְּלִבּוֹ שֶׁל אָדָם** אִין הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, **שֶׁהוּא בְּחִינַת** דָאס מֵיינְט מֶען **הָרוּחַ חַיִּים** דִי 'רוּחַ חַיִּים' וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן אִינֶעם הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; פַארְוָואס עֶפֶּעס דַוְוקָא אִינֶעם הַארְץ? **כִּי 'צָפוֹן חָסֵר'** (בָּבָא בַּתְרָא כה:) ווַייל דִי וָוארְט צָפוֹן טַייטְשְׁט עֶס פֶעלְט, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם): 'עוֹלָם לְאַכְסַדְרָה הוּא דוֹמֶה', דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי ווִי אַ זַאל, 'וְרוּחַ צְפוֹנִית אֵינָהּ מְסוּבֶּבֶת', זָאגְט רַשִׁ"י: 'שֶׁאֵין לָהּ דֹּפֶן רְבִיעִית', עֶס פֶעלְט דִי פֶערְטֶע וַואנְט, פוּן צָפוֹן זַייט; און אַזוֹי ווִי בִּכְלָלִיּוּת בַּיי דִי וֶועלְט פֶעלְט דִי צָפוֹן זַייט פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וָואס אִיז אַזוֹי ווִי אַ קְלֵיינֶע וֶועלְט, ווֶען עֶס פֶעלְט אִים עֶפֶּעס – **וְהַחִסָּרוֹן הוּא בַּלֵּב** פֶעלְט אִים עֶס אִין דִי הַארְץ, ווַייל אַלֶע אֵבָרִים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם הַארְץ, און ווֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶרְפִילְט דִי חֶסְרוֹנוֹת וָואס פֶעלְט – אִיז דָאס אִינֶעם הַארְץ, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל"ז, ד): 'וְיִתֶּן לְךָ מִשְׁאֲלֹת לִבֶּךָ' עֶר וֶועט דִיר גֶעבְּן וָואס דַיין הַארְץ בַּאגֶערְט, און נָאךְ שְׁטֵייט: 'יְמַלֵּא ה' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶרְפִילְן, 'כָּל מִשְׁאֲלוֹתֶיךָ' אַלֶע דַיינֶע גֶעבֶּעטְן (שָׁם כ, ו), זֶעט מֶען אַז ווֶען עֶס פֶעלְט עֶפֶּעס – פֶעלְט עֶס אִין הַארְץ, און ווֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶרְפִילְט דִי בַּקָּשׁוֹת, ווֶערְט דִי הַארְץ עֶרְפִילְט.

**וְעִקַּר הָרוּחַ חַיִּים הוּא בַּלֵּב** און דֶער עִיקָר רוּחַ חַיִּים אִיז אִין הַארְץ. **וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּתִקּוּנֵי זֹהַר** אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט, (תִּקּוּן יג, דַף כח.): 'כֻּלְּהוּ שַׁיְפִין' אַלֶע גְלִידֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, 'מִתְנַהֲגִין בָּתַר לִבָּא' גֵייעֶן נָאךְ דִי הַארְץ, 'כְּמַלְכָּא' כוּ' אַזוֹי ווִי מֶען גֵייט נָאךְ דִי קֶענִיג. **כְּמָא דְּאַתְּ אָמַר** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל א, יב): '**אֶל אֲשֶׁר יִהְיֶה שָׁם הָרוּחַ לָלֶכֶת**' צוּם אָרְט וואוּ דֶער ווִילְן פוּנֶעם

**הוּא** **בַּלֵּב**, וְהַחִסָּרוֹן הוּא הִסְתַּלְּקוּת הָרוּחַ שֶׁמְּקוֹמוֹ בַּלֵּב, וְעַל כֵּן נִרְגָּשׁ הַחִסָּרוֹן בַּלֵּב. וְעַל כֵּן כְּשֶׁנִּתְמַלֵּא הַחִסָּרוֹן שֶׁהוּא בִּבְחִינַת הָרוּחַ כַּנַּ"ל — נֶאֱמַר: "וְיִתֶּן לְךָ מִשְׁאֲלֹת לִבֶּךָ, יְמַלֵּא ה'" וְכוּ', הַיְנוּ כַּנַּ"ל.

**וְעַל כֵּן** יִשְׂרָאֵל, שֶׁהֵם מְקַבְּלִין הָרוּחַ־חַיִּים מֵהַתּוֹרָה, נִקְרָאִים עַל שֵׁם צָפוּן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים פ"ג): "עַל עַמְּךָ יַעֲרִימוּ סוֹד וְיִתְיָעֲצוּ עַל צְפוּנֶיךָ".

אייבּערשְׁטְן איז זיי זָאלְן גֵיין, כוּ' 'יֵלְכוּ' - דָארְט גֵייעֶן זַיי, אַזוֹי אוֹיךְ גֵייעֶן דִי אָדֶערְן פוּנֶעם הַארְץ נָאךְ דִי רוּחַ, **כִּי הָרוּחַ הוּא בַּלֵּב** ווייל דִי גֵייסְט אִיז אִין הַארְץ, אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, **וְהַחִסָּרוֹן** אוּן אַז עֶס פֶעלְט עֶפֶּעס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ **הוּא הִסְתַּלְּקוּת הָרוּחַ שֶׁמְּקוֹמוֹ בַּלֵּב** גֵייט אַוֶועק דִי גֵייסְט פוּן אִיר פְּלַאץ וָואס אִיז בַּיים הַארְץ, **וְעַל כֵּן נִרְגָּשׁ הַחִסָּרוֹן בַּלֵּב** אוּן דֶערְפַאר שְׁפִּירְט מֶען דִי חִסָּרוֹן אִין הַארְץ, **וְעַל כֵּן כְּשֶׁנִּתְמַלֵּא הַחִסָּרוֹן** אוּן דֶערְפַאר וֶוען עֶס וֶוערְט עֶרְפִילְט דִי חִסָּרוֹן **שֶׁהוּא בִּבְחִינַת הָרוּחַ** וֶוען מֶען קְרֶעכְצְט זִיךְ אוֹיס בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן עֶס קוּמְט צוּרִיק דִי רוּחַ חַיִּים, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט - **נֶאֱמַר** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: **'וְיִתֶּן לְךָ מִשְׁאֲלֹת לִבֶּךָ'** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן דַיינֶע בַּאגֶערְן פוּן הַארְץ, **'יְמַלֵּא ה' וְכוּ'** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין וֶועט דִיר עֶרְפִילְן וָואס פֶעלְט דִיר, **הַיְנוּ כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אוּן דָאס אִיז דִי רוּחַ צְפוֹנִית וָואס הָאט גֶעבְּלָאזְן אִין דִי פִינְף סְטְרוּנֶעס פוּן דִי פִידְל.

**וְעַל כֵּן** אוּן וֶועגְן דֶעם, **יִשְׂרָאֵל** דִי אִידְן, **שֶׁהֵם מְקַבְּלִין** וָואס זֵיי בַּאקוּמֶען **הָרוּחַ חַיִּים** זֵייעֶר לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט **מֵהַתּוֹרָה** פוּן דִי תּוֹרָה, **נִקְרָאִים** וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן **עַל שֵׁם צָפוּן** מִיטְן נָאמֶען 'צָפוּן', **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פ"ג, ד): **'עַל עַמְּךָ'** אוֹיף דַיין פָאלְק, **'יַעֲרִימוּ סוֹד'** טְרַאכְטְן זֵיי אָן עֵצָה, **'וְיִתְיָעֲצוּ'** אוּן זֵיי בַּארָאטְן זִיךְ **'עַל צְפוּנֶיךָ'** אוֹיף דִי אִידְן וָואס בַּאהַאלְטְן זִיךְ אוּנְטֶער דַיין שָׁאטְן, זֶעט מֶען אַז 'צָפוּן' אִיז דִי רוּחַ חַיִּים וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִינֶעם הַארְץ אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי פִידְל מִיט דִי צָפוֹן ווִינְט וָואס הָאט גֶעשְׁפִּילְט בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ, דָאס אִיז דִי רוּחַ חַיִּים וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס הָאט מְחַיֶּ' גֶעוֶועזְן דָוִד הַמֶּלֶךְ אוּן דָאס אִיז אַ לִימוּד פַאר אַלֶעמֶען ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ רוּחַ חַיִּים, אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, צוּ קֶענֶען שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**ג בִּיז** אַהֶער הָאט דֶער רֶבִּי מַסְבִּיר גֶעוֶועזְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְפִילְן אַלֶעס וָואס פֶעלְט, מֶען זָאל אַלֶעס הָאבְּן, מֶען זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, דוּרְךְ זַיין בַּאהָאפְטְן צוּם צַדִּיק וָואס לֶערְנְט אוֹיס זִיךְ אוֹיסְצוּקְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ שְׁוֶוערֶע

**ג אַךְ רְשָׁעִים הַדּוֹבְרִים עַל צַדִּיק עָתָק בְּגַאֲוָה וָבוּז, מֵאַיִן מְקַבְּלִין הֵם הָרוּחַ לְהַשְׁלִים הַחִסָּרוֹן? אַךְ דַּע שֶׁיֵּשׁ רַב דִּקְלִפָּה וְהוּא בְּחִינַת עֵשָׂו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּעֵשָׂו** (בְּרֵאשִׁית ל"ג)**: "יֶשׁ לִי רָב"; וְהוּא בְּחִינַת אַלּוּפֵי עֵשָׂו, וּכְמוֹ שֶׁתִּרְגֵּם אוּנְקְלוֹס: "רַבְרְבֵי עֵשָׂו" — בְּחִינַת הָרַב דִּקְלִפָּה. וּמֵהֶם מְקַבְּלִין הָרְשָׁעִים הָרוּחַ, וְהוּא בְּחִינַת רוּחַ הַטֻּמְאָה, בְּחִינַת רוּחַ**

קַשְׁיָא, אַךְ רְשָׁעִים אָבֶּער דִי רְשָׁעִים, הַדּוֹבְרִים עַל צַדִּיק וָואס רֶעדְן אוֹיפְן צַדִּיק, עָתָק שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וָואס זֶענֶען נִישְׁט אֱמֶת, בְּגַאֲוָה וָבוּז מִיט גְרוֹיסְהַאלְטֶערַיי אוּן שַׁאנְד, מֵאַיִן מְקַבְּלִין הֵם הָרוּחַ פוּן וואו בַּאקוּמֶען זַיי דִי רוּחַ חַיִּים, לְהַשְׁלִים הַחִסָּרוֹן צוּ עֶרְפִילְן וָואס פֶעלְט זַיי? אַמֶער, דִי רוּחַ חַיִּים צוּ עֶרְפִילְן אַלֶעס וָואס פֶעלְט בַּאקוּמְט מֶען דָאךְ נָאר בַּיים צַדִּיק, אִיז וִוי אַזוֹי הָאבְּן דִי רְשָׁעִים הַצְלָחָה אִין זֵייעֶר לֶעבְּן? מֶען זֶעט דָאךְ 'דֶרֶךְ רְשָׁעִים צָלֵחָה' דִי רְשָׁעִים לֶעבְּן מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה, פוּן וואו בַּאקוּמֶען זַיי דָאס?!

**אַךְ** דַע נָאר וויסְן זָאלְסְטוּ, שֶׁיֵּשׁ רַב דִּקְלִפָּה עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי בַּיי דִי סִטְרָא אַחֲרָא, וְהוּא בְּחִינַת עֵשָׂו וָואס אִיז נִישְׁט קַיין אֱמֶתְ'עֶ רֶבִּי, נָאר אַ רֶבִּי אַזוֹי וִוי עֵשָׂו אִיז גְעוֶוען; אַ רֶבִּי פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, אַ רֶבִּי וָואס קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט נִישְׁט חִיזוּק זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַ רֶבִּי וָואס נֶעמְט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּנֶעם צַדִּיק אֱמֶת, אַזוֹי וִוי עֵשָׂו הָרָשָׁע. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּעֵשָׂו עֶס שְׁטֵייט בַּיי עֵשָׂו, עֵשָׂו הָאט גֶעזָאגְט פַאר יַעֲקֹב אָבִינוּ וֶוען יַעֲקֹב הָאט אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן מַתָּנוֹת אִים אִיבֶּער צוּ בֶּעטְן (בְּרֵאשִׁית ל"ג, ט): 'יֶשׁ לִי רָב' אִיךְ הָאב אַסַאךְ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיינֶע מַתָּנוֹת. טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי נָאךְ אַ פְּשַׁט, וֶוען עֵשָׂו הָאט גֶעזֶען אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען דִי רוּחַ חַיִּים אוּן צוּ עֶרְפִילְן אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת, דוּרְךְ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֵשָׂו זִיךְ גֶעגְרוֹיסְט אוֹיף יַעֲקֹב אָבִינוּ, אוּן אִים גֶעזָאגְט 'יֶשׁ לִי רָב' אִיךְ הָאב אוֹיךְ אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט מִיר וָואס פֶעלְט מִיר, וְהוּא בְּחִינַת אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם לו, מ): 'אַלּוּפֵי עֵשָׂו' דִי הַארְן פוּן עֵשָׂו, וּכְמוֹ שֶׁתִּרְגֵּם אוּנְקְלוֹס אוּן וִוי דֶער תַּרְגּוּם טַייטְשְׁט 'רַבְרְבֵי עֵשָׂו' דִי גְרוֹיסֶע אוּן חָשׁוּבְ'עֶ פוּן עֵשָׂו, אוּן דָאס וָוארְט רַבְרְבֵי אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי'ס, בְּחִינַת וָואס זַיי זֶענֶען, הָרַב דִּקְלִפָּה רֶבִּי'ס פוּן קְלִיפּוֹת, [קְלִיפּוֹת אִיז שָׁאלַאכְטְס, אַזוֹי וִוי אַ שָׁאלַאכְטְס דֶעקְט צוּ דִי פְּרוּכְט, מֶען זֶעט נִישְׁט דִי פְּרוּכְט, אַזוֹי דֶעקְן זַיי צוּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי נֶעמֶען אַוֶועק פוּן זֵייעֶרֶע מֶענְטְשְׁן דָאס זֶען אוּן דָאס שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן], וּמֵהֶם אוּן פוּן דִי רֶבִּי'ס מְקַבְּלִין הָרְשָׁעִים נֶעמֶען דִי רְשָׁעִים הָרוּחַ זֵייעֶר גֵייסְט. וְהוּא בְּחִינַת אָבֶּער דִי גֵייסְט אִיז נִישְׁט קַיין הֵיילִיגֶע גֵייסְט, נָאר רוּחַ הַטֻּמְאָה אַ גֵייסְט פוּן טוּמְאָה, בְּחִינַת דִי לוּפְט אִיז נִישְׁט קַיין

סְעָרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם כ"ז): "הֵן עֵשָׂו אָחִי אִישׁ שָׂעִיר". וְעַל כֵּן הָרוּחַ שֶׁלָּהֶם גָּדוֹל וְתַקִּיף לְפִי שָׁעָה כְּמוֹ רוּחַ־סְעָרָה שֶׁהוּא גָּדוֹל בִּשְׁעָתוֹ. וְעַל כֵּן: "כָּל צוֹרְרָיו יָפִיחַ בָּהֶם" (תְּהִלִּים י) — "יָפִיחַ" דַּיְקָא, שֶׁמִּתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם עַל־יְדֵי בְּחִינַת רוּחַ פִּיו, שֶׁהוּא גָּדוֹל בִּשְׁעָתוֹ, אַךְ שֶׁאֵין לוֹ קִיּוּם כְּלָל וְלַסּוֹף כָּלֶה וְנֶאֱבָד,

רוּחַ חַיִּים, נָאר אַ רוּחַ סְעָרָה אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם כ"ז, יא) וֶוען רִבְקָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר יַעֲקֹב צוּ נֶעמֶען דִי בְּרָכוֹת פוּן יִצְחָק אָבִינוּ, צוּ עֶרְפִילְן אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת, הָאט יַעֲקֹב גֶעזָאגְט: 'הֵן עֵשָׂו אָחִי' אָמֶער מַיין בְּרוּדֶער עֵשָׂו – 'אִישׁ שֵׂעִיר' אִיז בַּאוַואקְסְן מִיט הָאר, 'וְאָנֹכִי אִישׁ חָלָק' אוּן אִיךְ בִּין אַ גְלַאטֶער מֶענְטְשׁ, וֶועט יִצְחָק גְלַייךְ דֶערְקֶענֶען אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט עֵשָׂו! דֶער רֶבִּי זָאגְט נָאךְ אַ פְּשַׁט, 'שֵׂעִיר' אִיז דִי זֶעלְבֶּע ווִי 'סְעָרָה', עֶר הָאט דָאךְ דִי רוּחַ סְעָרָה פוּן דִי רֶבִּי"ס פוּן דִי קְלִיפּוֹת, אֶפְשָׁר וֶועט גֶעלוּנְגֶען פַאר עֵשָׂו צוּ עֶרְפִילְן דִי חֶסְרוֹנוֹת אוּן בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת דוּרְךְ זַיין רוּחַ סְעָרָה?!

**וְעַל** כֵּן אוּן דֶעריבֶּער זֶעעֶן מִיר, וֶוען דִי רְשָׁעִים הוֹיבְּן אָן קְרִיגְן אוֹיפְן צַדִּיק, הָרוּחַ שֶׁלָּהֶם אִיז זֵייעֶר גֵייסְט גָּדוֹל וְתַקִּיף זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן שְׁטַארְק, זֵיי קוּמֶען מִיט אַ מֶעכְטִיגֶע קְרִיגֶערַיי קֶעגְן דֶעם צַדִּיק, אִיז דֶעמָאלְט דִי עֵצָה זִיךְ נִישְׁט רַייצְן מִיט זֵיי נָאר וַוארְטְן עֶס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין, אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן זֵיי, ווַייל עֶס אִיז נָאר לְפִי שָׁעָה פַאר אַ קְלֵיינֶע צַייט, כְּמוֹ רוּחַ סְעָרָה אַזוֹי ווִי אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט, שֶׁהוּא גָּדוֹל בִּשְׁעָתוֹ וָואס אִיז גְרוֹיס אִין אִיר צַייט, עֶס בּוּזְשֶׁעוֶועט אוּן עֶס זֶעט אוֹיס ווִי דִי ווֶעלְט עֶנְדִיגְט זִיךְ יֶעצְט, אוּן נָאכְדֶעם ווֶערְט עֶס אוֹיס, אַזוֹי זֶענֶען דִי רְשָׁעִים. וְעַל כֵּן אוּן דֶערְפַאר שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'כָּל צוֹרְרָיו יָפִיחַ בָּהֶם' מִיט אֵיין בְּלָאז וָואס דֶער רָשָׁע גֶעבְּט – פַאלְן אַלֶע זַיינֶע פַיינְט דֶערְמִיט (תְּהִלִּים י, ה), וֶוען דִי רְשָׁעִים שְׁטֵייעֶן אוֹיף קֶעגְן דִי צַדִּיקִים זֶעט אוֹיס ווִי זֵיי זֶענֶען מַצְלִיחַ. דֶער רֶבִּי זָאגְט, דֶער פָּסוּק נִיצְט דִי ווָארְט 'יָפִיחַ' דַּיְקָא אַ לָשׁוֹן פוּן 'בְּלָאזְן', אַז מִיט אֵיין בְּלָאז וָואס זֵיי בְּלָאזְן זֶעט אוֹיס ווִי זֵיי קֶענֶען אוֹיסְפִירְן זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶענֶער קֶעגְן דֶעם צַדִּיק, ווַייל אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אַז דֶער רָשָׁע הָאט אוֹיךְ רֶבִּי"ס וָואס הָאבְּן 'רוּחַ' לוּפְט, שֶׁמִּתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם אוּן דֶער רָשָׁע שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף דִי צַדִּיקִים עַל יְדֵי בְּחִינַת רוּחַ פִּיו דוּרְךְ דִי לוּפְט פוּן זַיין מוֹיל, דוּרְךְ דִי רוּחַ הַטוּמְאָה, שֶׁהוּא גָּדוֹל בִּשְׁעָתוֹ וָואס אִיז גְרוֹיס פַאר דִי בִּיסְל צַייט, עֶס זֶעט אוֹיס אַז זֵיי גֵייעֶן מַצְלִיחַ זַיין, אַךְ אָבֶּער ווִיסְן זָאלְסְטוּ, שֶׁאֵין לוֹ קִיּוּם כְּלָל אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין הַצְלָחָה, וְלַסּוֹף כָּלֶה וְנֶאֱבָד אוּן בַּיים סוֹף וֶוערְן זֵיי אוֹיס אוּן זֵיי וֶוערְן פַארְלוֹירְן. אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּקּוּנֵי זוֹהַר תִּיקוּן יח, דַף לה ע"ב): 'אִם שְׁכִינְתָּא לָאו תַּמָּן', אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, [ווַייל דָארְט וואו עֶס אִיז דָא מַחֲלֹקֶת אוּן עַזּוּת קֶעגְן צַדִּיקִים, אִיז נִישְׁטָא קֵיין הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה], 'רוּחַ סְעָרָה תַּמָּן' אִיז דָארְט דָא אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט,

וּמְסָעֵר גּוּפֵהּ וְנִשְׁמָתֵהּ; וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים ז): "וּמְשַׁלֵּם לְשֹׂנְאָיו אֶל פָּנָיו לְהַאֲבִידוֹ"; 'וּמְשַׁלֵּם' — לְשׁוֹן שְׁלֵמוּת הַחִסָּרוֹן שֶׁנִּמְשָׁךְ לוֹ, דְּהַיְנוּ בְּחִינַת אֲרִיכַת הָרוּחַ. וְזֶהוּ: 'אֶל פָּנָיו', כִּי פָּנָיו הוּא בְּחִינַת הָרוּחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ ג): "הַכָּרַת פְּנֵיהֶם עָנְתָה בָּם" — זֶה הַחֹטֶם (יְבָמוֹת קכ.), שֶׁהוּא בְּחִינַת הָרוּחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וַיִּפַּח בְּאַפָּיו נִשְׁמַת חַיִּים", "כֹּל אֲשֶׁר נִשְׁמַת רוּחַ חַיִּים בְּאַפָּיו". אַךְ הוּא לְהַאֲבִידוֹ, כִּי אַף שֶׁהוּא גָּדוֹל לְפִי שָׁעָה — לַסּוֹף נֶאֱבָד כַּנַּ"ל.

**וּמְסָעֵר גּוּפֵהּ וְנִשְׁמָתֵהּ** וָואס צֶעשְׁטוּרֶעמְט די נְשָׁמָה און די קֶערְפֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אִין אָנְהוֹיבּ זֶעט אוֹיס וִוי עֶס וֶוערְט עֶרְפִילְט די חֶסְרוֹנוֹת, אָבֶּער דָאס הַרְגְ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה א, לב): 'יֵשׁ לוֹ מָנֶה מְבַקֵּשׁ מָאתַיִם' וִויפִיל גֶעלְט מֶען הָאט - ווִיל מֶען דָאפֶּעלְט, אִין אָנְהוֹיבּ מֵיינְט מֶען אַז מֶען פַארְדִינְט און מֶען אִיז מַצְלִיחַ, און בַּיים סוֹף דֶערְזֶעט מֶען זִיךְ אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב, **וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים ז, י): 'וּמְשַׁלֵּם לְשֹׂנְאָיו' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט שְׂכַר אוֹיף די וֶועלְט פַאר זַיינֶע פַּיינְט, דָאס מֵיינְט מֶען די רְשָׁעִים - 'אֶל פָּנָיו לְהַאֲבִידוֹ' נָאר וַוייל עֶר ווִיל זֵיי פַארְטִילִיגְן פוּן יֶענֶע וֶועלְט. עֶר נִיצְט די וָוארְט 'וּמְשַׁלֵּם' און עֶר בַּאצָאלְט, און די וָוארְט 'וּמְשַׁלֵּם' לָשׁוֹן אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן שְׁלֵמוּת הַחִסָּרוֹן עֶרְפִילְן דָאס וָואס פֶעלְט, שֶׁנִּמְשָׁךְ לוֹ וָואס עֶר בַּאקוּמְט, דְּהַיְנוּ בְּחִינַת אֲרִיכַת הָרוּחַ דָאס וָואס דֶער רָשָׁע הָאט אוֹיךְ לוּפְט צוּ עֶרְפִילְן זַיינֶע חֶסְרוֹנוֹת. וְזֶהוּ און דָאס אִיז וָואס עֶר זָאגְט 'אֶל פָּנָיו' אוֹיף זַיין פָּנִים, כִּי פָּנָיו וַוייל די וָוארְט פָּנִים הוּא בְּחִינַת הָרוּחַ מֵיינְט אוֹיךְ אַ גֵייסְט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ ג, ט): 'הַכָּרַת פְּנֵיהֶם עָנְתָה בָּם', 'הַכָּרַת פְּנֵיהֶם עָנְתָה בָּם' און וִוי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דַרְשְׁנֶ'ען - זֶה הַחֹטֶם דָאס מֵיינְט מֶען די נָאז (יְבָמוֹת קכ.), **שֶׁהוּא** וָואס די נָאז אִיז מְרַמֵּז - בְּחִינַת הָרוּחַ אוֹיפְן גֵייסְט, וַוייל פוּן די נָאז אָטֶעמְט מֶען לוּפְט צוּם לֶעבְּן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, ז): 'וַיִּפַּח בְּאַפָּיו' און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אִין זַיינֶע נָאז לֶעבֶּער, 'נִשְׁמַת חַיִּים' אַ לֶעבֶּעדִיגֶע נְשָׁמָה, און נָאךְ שְׁטֵייט (שָׁם ז, כב): 'כֹּל אֲשֶׁר נִשְׁמַת רוּחַ חַיִּים בְּאַפָּיו' יֶעדֶער וָואס אִיז דָא אִין זַיין נָאז לֶעבֶּער אַן אָטֶעם פוּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט.

**אַךְ** אָבֶּער דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דֶעם רָשָׁע אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט דוּרְךְ די רֶבִּי"ס פוּן די קְלִיפּוֹת, דוּרְךְ די רוּחַ סְעָרָה - הוּא לְהַאֲבִידוֹ אִיז נָאר צוּ פַארְטִילִיגְן דֶעם רָשָׁע, כִּי אַף שֶׁהוּא גָּדוֹל לְפִי שָׁעָה וַוייל אֲפִילוּ עֶר אִיז גְרוֹיס, און עֶר אִיז מַצְלִיחַ - אִיז דָאס נָאר פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט, לַסּוֹף נֶאֱבָד אִין די עֶנְדֶע וֶוערְן זֵיי אוֹיס, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. [דָאס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן, נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען

מֶען זֶעט וִוי דִי עַזּוּת פְּנִימ'עֶר, דִי וָואס קְרִיגְן אוֹיפְן צַדִּיק – זֶענֶען מַצְלִיחַ, אוּן ווִידֶער דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן זֶענֶען פַארְשֶׁעמְט; וַוייל דָאס אִיז נָאר צַייטְוַויילִיג, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי זֵיי עֶרְפִילְן וָואס פֶּעלְט זֵיי, אָבֶער דָאס אִיז נָאר כְּדֵי זֵיי צוּ בַּאצָאלְן אוּן זֵיי פַארְטִילִיגְן].

**וְזֶהוּ** בְּחִינַת אוּן דָאס אִיז וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי תַּעֲנִית פ"ב ה"א): **'אֶרֶךְ אַפַּיִם לָרְשָׁעִים'** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלֶענְגֶערְט זַיין אָטֶעם נִישְׁט אוֹיסְצוּגִיסְן זַיין צָארְן אוֹיף דִי רְשָׁעִים, **כִּי הָרוּחַ הַנְּשִׁימָה** וַוייל דִי לוּפְט פוּן דִי אָטֶעם, **הוּא בִּבְחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם** אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אַ לַאנְגֶע אָטֶעם, **וְהַיְנוּ מַאֲרִיךְ אַפֵּהּ** דָאס הֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלֶענְגֶערְט זַיין אָטֶעם, נִישְׁט צוּ צֶערֶענֶען, **וְגָבֵי דִּילֵהּ** אָבֶער בַּיים סוֹף מָאנְט עֶר אֵיין זַיינְ'ס, דָאס הֵייסְט עֶר בַּאשְׁטְרָאפְט זֵיי. **כִּי אַף שֶׁלְּפִי שָׁעָה** וַוייל אֲפִילוּ מֶען זֶעט יֶעצְט אוֹיף אַ קוּרְצֶע צַייט **הָרוּחַ גָּדוֹל וְתַקִּיף** אַז זֵייעֶר גֵייסְט אִיז גְרוֹיס אוּן שְׁטַארְק, **בְּחִינַת מַאֲרִיךְ אַפֵּהּ** וָואס דָאס אִיז אַזוֹי ווִי אַ לַאנְגֶע טִיפֶע אָטֶעם וָואס הָאט אַסַאךְ לוּפְט, דָאס הֵייסְט עֶס זֶעט אוֹיס ווִי זֵייעֶר גֵייסְט אִיז גְרוֹיס – **אַךְ לַסּוֹף גָּבֵי דִּילֵהּ** אָבֶער בַּיים סוֹף מָאנְט עֶר זַיינְ'ס **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

**וְעַל כֵּן** אוּן דֶערִיבֶּער **נִקְרָאִים יִשְׂרָאֵל** ווֶערְן דִי אִידְן אָנְגֶערוּפְן אִין גָלוּת (יְשַׁעְיָהוּ נ"ד, יא): **'עֲנִיָּה סֹעֲרָה'** [דִי אָרֶעמֶע פָאלְק, וָואס אִיז גֶעשְׁטוּרֶעמְט מִיט צָרוֹת אַזוֹי ווִי אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט], **כִּי הֵם עַכְשָׁו** וַוייל אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען יֶעצְט **תַּחַת מֶמְשֶׁלֶת עֵשָׂו** אוּנְטֶער דִי פִירֶערְשַׁאפְט פוּן עֵשָׂו, וָואס שְׁטֵייט בַּיי אִים **אִישׁ שֵׂעִיר** אַ הָארִיגֶער מַאן, אוּן אוֹיךְ אִיז דָאס וָוארְט 'שֵׂעִיר' **בְּחִינַת** אַזוֹי ווִי דִי וָוארְט **רוּחַ סְעָרָה** אַ צֶעשְׁטוּרֶעמְטֶע גֵייסְט, אַזוֹי ווִי אַ שְׁטוּרֶעם, **הַנַּ"ל** אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. אוּן כָּל זְמַן מֶען אִיז נִישְׁט מְקוּרָב צוּם צַדִּיק, אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט קֵיין רָשָׁע – אִיז מֶען אָבֶער אוֹיךְ מְקַבֵּל דִי גֵייסְט פוּן דִי רַבִּי'ס פוּן דִי קְלִיפּוֹת, מֶען אִיז אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער 'עֵשָׂו אָחִי אִישׁ שֵׂעִיר', מֶען אִיז צֶעשְׁטוּרֶעמְט, מֶען אִיז צֶעטוּמְלְט, מֶען ווייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְן אִין לֶעבְן, **אַךְ הַדָּבוּק בְּצַדִּיקִים** אָבֶער דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זֶענֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ צַדִּיקִים, זֵיי פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן דִי צַדִּיקִים – **מְקַבֵּל הָרוּחַ חַיִּים** זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה צוּ

**וְזֶהוּ** בְּחִינַת (יְרוּשַׁלְמִי תַּעֲנִית פ"ב ה"א): **אֶרֶךְ אַפַּיִם לָרְשָׁעִים***). כִּי הָרוּחַ הַנְּשִׁימָה הוּא בִּבְחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם; וְהַיְנוּ מַאֲרִיךְ אַפֵּהּ וְגָבֵי דִּילֵהּ, כִּי אַף שֶׁלְּפִי שָׁעָה הָרוּחַ גָּדוֹל וְתַקִּיף, בְּחִינַת מַאֲרִיךְ אַפֵּהּ, אַךְ לַסּוֹף גָּבֵי דִּילֵהּ כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן נִקְרָאִים יִשְׂרָאֵל (יְשַׁעְיָהוּ נ"ד) "עֲנִיָּה סֹעֲרָה", כִּי הֵם עַכְשָׁו תַּחַת מֶמְשֶׁלֶת עֵשָׂו אִישׁ שָׂעִיר, בְּחִינַת רוּחַ־סְעָרָה הַנַּ"ל. אַךְ הַדָּבוּק בְּצַדִּיקִים מְקַבֵּל הָרוּחַ־חַיִּים, שְׁלֵמוּת הַחִסָּרוֹן, מֵהַצַּדִּיק וְהָרַב דִּקְדֻשָּׁה.

באַקומען אַ לעבעדיגע גייסט שְׁלֵמוּת הַחִסָּרוֹן און צו ערפילן וואס פעלט זיי – מֵהַצַּדִּיק דורכן צדיק, וְהָרַב דִּקְדֻשָּׁה און דורכן הייליגן רבי'ן.

ד וְעַל כֵּן "וְאִישׁ חָכָם יְכַפְּרֶנָּה" (מִשְׁלֵי ט"ז), כִּי הַחִסָּרוֹן הוּא מֵחֲמַת עֲווֹנוֹת, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת נה.): 'אֵין מִיתָה בְּלֹא חֵטְא וְאֵין יִסּוּרִים בְּלֹא עָוֹן', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים פ"ט): "וּפָקַדְתִּי בְשֵׁבֶט פִּשְׁעָם וּבִנְגָעִים עֲוֹנָם". וְעַל כֵּן הַצַּדִּיק, הַמַּמְשִׁיךְ רוּחַ הַחַיִּים וּמַשְׁלִים הַחִסָּרוֹן, מְכַפֵּר הֶעָוֹן.

ד **יעצט** גייט דער רבי צולייגן וואס מען איז זוכה ווען מען איז צוגעקלעבט צום צדיק, נישט נאר מען איז זוכה צו ערפילן אלעס וואס פעלט, נאר מען איז אויך זוכה אַז אלע עבירות ווערן אָפּגעמעקט.

וְעַל כֵּן און דערפאר, וויבאלד דער צדיק האט די כֹּחַ צו געבן פאר אלע זיינע מענטשן אַ לעבעדיגע גייסט און זיי מאכן שפירן דעם אייבערשטן, אַז זיי זאלן לעבן מיטן אייבערשטן, ביז מען שפירט ווי עס פעלט מער גארנישט – שטייט אויף אים 'וְאִישׁ חָכָם' און דער קלוגער מענטש – דאס מיינט מען דער צדיק – 'יְכַפְּרֶנָּה' קען פארציייען די עבירות (מִשְׁלֵי ט"ז, יז), דארף מען פארשטיין, פארוואס טאקע האט דער צדיק אַ כֹּחַ צו פארצייען עבירות? כִּי הַחִסָּרוֹן ווייל דאס וואס עס פעלט פארן מענטש זאכן, הוּא מֵחֲמַת עֲווֹנוֹת דאס איז ווייל דער מענטש האט געזינדיגט. כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (שַׁבָּת נה.): 'אֵין מִיתָה בְּלֹא חֵטְא' מען שטארבט נישט נאר אויב מען האט געזינדיגט, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק (יְחֶזְקֵאל יח, ד): 'הַנֶּפֶשׁ הַחֹטֵאת הִיא תָמוּת' [דער מענטש וואס האט געזינדיגט פאר מיר, וועט שטארבן], 'וְאֵין יִסּוּרִים בְּלֹא עָוֹן' און עס קומען נישט קיין ווייטאג אויפן מענטש נאר אויב מען האט געטון עבירות, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תְּהִלִּים פ"ט, לג), דער אייבערשטער זאגט, אויב אידישע קינדער וועלן חס ושלום פארשוועכן מיינע געזעצן און זיי וועלן נישט היטן מיינע מִצְוֹת: 'וּפָקַדְתִּי בְשֵׁבֶט' וועל איך אָפּמאנען מיט אַ רוט, 'פִּשְׁעָם' זייערע עבירות, 'וּבִנְגָעִים עֲוֹנָם' און מיט פלאג וועל איך מאנען זייערע זינד; זעט מען אַז אלע ווייטאג און פלאג זענען צוליב עבירות, וְעַל כֵּן און דערפאר, הַצַּדִּיק דער צדיק וואס איז צוגעקלעבט צו די תּוֹרָה וואס דארט איז באַהאלטן די לעבעדיגע גייסט פונעם אייבערשטן, הַמַּמְשִׁיךְ רוּחַ הַחַיִּים און דער צדיק ברענגט אריין אין מענטשן די לעבעדיגע גייסט, וּמַשְׁלִים הַחִסָּרוֹן און ער ערפילט פארן מענטש אלעס וואס פעלט אים, דורכן צוריק ברענגען דעם מענטש צום אייבערשטן און אים מאכן שפירן די אֱמוּנָה, ביז דער מענטש זעט אַז עס פעלט אים טאקע גארנישט – מְכַפֵּר הֶעָוֹן פארצייט ער דורכדעם אלע עבירות; ווייל ווי נאר דער מענטש קערט זיך צוריק דורכן צדיק צו די הייליגע תּוֹרָה

און צום אייבערשטן, און ער באקומט צוריק זיין רוח חיים – ווערן בטל די חסרונות וואס דאס זענען זיינע עבירות.

> **והוא** מגדל רחמנות וחנינות מהבורא יתברך שמו, שמצמצם עצמו להיות הרוח־חיים אצל הצדיקים, דהינו שהם יקבלו הרוח־חיים מהתורה, והם ממשיכין רוח החיים אל החסרונות ובזה מכפרין העוונות.

**אז** מען טראכט אריין אין די כח פון די הייליגע צדיקים וואס בלאזן אריין א לעבעדיגע גייסט אין אידישע קינדער, זעט מען **והוא** מגדל רחמנות אז דאס איז פון די גרויסע רחמנות וחנינות און דערבארעמקייט **מהבורא** יתברך שמו פונעם אייבערשטן, **שמצמצם עצמו** וואס ער האט זיך מצמצם געווען, **להיות הרוח חיים אצל הצדיקים** אז מען זאל אים געפינען ביי די הייליגע צדיקים, **דהינו** דאס הייסט **שהם יקבלו הרוח חיים מהתורה** אז די צדיקים זאלן באקומען די לעבעדיגע גייסט פון די תורה, **והם ממשיכין** און זיי זאלן איבערגעבן **רוח החיים** די לעבעדיגע גייסט – אין אלע מענטשן וואס גלייבן אינעם צדיק, **אל החסרונות** און ערפילן אלעס וואס פעלט **ובזה מכפרין העוונות** און מיט דעם טוען זיי פארצייען אלע עבירות. [דער רבי מיינט נישט צו זאגן אז מיטן קומען צום צדיק אן גארנישט טון ווערן פארצייט די עבירות, אזוי ווי די מתנגדים פרעגן אויפן קומען צום רבינ׳ס ציון אין אומאן, ׳ווי קען זיין אזא זאך, איינער וואס האט געזינדיגט זיין גאנץ לעבן, אז ער פארט קיין אומאן און ער זאגט דארט אין אומאן די צען קאפיטלעך תהלים וועט ער מער נישט האבן קיין עבירות?׳ עס איז נישט אזוי, נאר פשט איז, דורכדעם וואס מען קומט צום צדיק איז דער צדיק משפיע אויף אים א רוח טהרה, א ריינע גייסט, ביז דער מענטש טוט תשובה, ער הויבט אן שפירן דעם אייבערשטן, מען באקומט א ריינע קלארע אמונה אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, מען הויבט אן שפירן דעם אייבערשטן, מען הערט אויף טון נארישקייטן, מען הויבט אן חרטה האבן אויף אלע שלעכטע מעשים, ביז מען ווערט א גרויסער צדיק, און אזוי אויך, אז מען איז זוכה צו קומען צום הייליגן רבינ׳ס ציון אין אומאן טוט דער צדיק געבן דעם מענטש די ׳רוח חיים׳ פון די הייליגע תורה, מען הויבט אן וויינען אויף אלע שלעכטס וואס מען האט געטון, מען הויבט אן זיך מתוודה זיין אויף אלע יארן וואס מען האט געטון עבירות, ביז מען איז זוכה צו תשובה שלימה. פינקט אזוי ווי עס איז דא א קבלה ביי אנשי שלומינו אז ווער עס וועט פארן קיין ליזענסק צום ציון פון הייליגן רבי ר׳ אלימלך זכותו יגן עלינו וועט נישט שטארבן אן תשובה. און די סיבה פארוואס די ציון פון צדיק האט אזא כח איז ווייל ווען מען גייט צו די ציונים פון די גרויסע הייליגע צדיקים גייט אריין אינעם מענטש א ׳רוח חיים׳, א ׳רוח טהרה׳, א ריינע גייסט; מען הויבט אן חרטה האבן אויף וואס מען

הָאט גֶעטוּן, וַוייל דִי צַדִיקִים הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בַּיי זֵייעֶר צִיוּן זָאלְן אִידְן בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת צוּ תְּשׁוּבָה, אוּן דֶערְפַאר, וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל זָאל טוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן צוּם רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אִין אוּמַאן אוּן זָאגְן דָארְט דִי ׳תִּיקוּן הַכְּלָלִי׳ [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וֶועט עֶר אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה), וַוייל אֲפִילוּ מֶען וֶועט אַרָאפְּפַאלְן נָאכְאַמָאל אִין אַן עֲבֵירָה וֶועט עֶס שׁוֹין זַיין מִיט אַזוֹיפִיל חֲרָטָה אוּן אַזוֹיפִיל תְּשׁוּבָה, אַז דִי עֲבֵירָה וֶועט שׁוֹין זַיין אָן הֶענְט אוּן אָן פִיס, עֶס וֶועט זַיין אָן אַ טַעַם, וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז מֶען טוּט יֶעצְט אַן עֲבֵירָה, אוּן אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט לֶעבְּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה; ווָאוֹיל וֶועט אִים זַיין בָּזֶה וּבַבָּא].

**וֶוען** דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִדְבָּר, הָאט מֶען לֵיידֶער גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה וָואס הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ אַלֶע עֲבֵירוֹת, דִי חֵטְא הָעֵגֶל (עַיֵּין רַשִׁ"י שְׁמוֹת לב, ו), אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶעמָאלְט גֶעוָואלְט וַוייזְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן אוּן פַארְצֵייעֶן, הָאט עֶר אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דִי דְרַייצְן מִידוֹת הָרַחֲמִים.

**וְזֶהוּ** בְּחִינַת שְׁלשׁ־עֶשְׂרֵה מִדּוֹת (שְׁמוֹת ל"ד): "ה' ה' אֵל רַחוּם וְחַנּוּן אֶרֶךְ אַפַּיִם". **׳אֶרֶךְ אַפַּיִם׳** — **הוּא** בְּחִינַת הָרוּחַ, **שֶׁהוּא** מַאֲרִיךְ רוּחֵהּ, בְּחִינַת אֲנָחָה עַל הַחִסָּרוֹן; וְהַיְנוּ

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי מַסְבִּיר זַיין אַז דִי דְרַייצְן מִידוֹת דָאס אִיז דִי סוֹד פוּן דִי רוּחַ חַיִים וָואס דֶער צַדִיק נֶעמְט פוּן דִי תּוֹרָה אוּן פִילְט אָן מִיט דֶעם אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת אוּן טוּט פַארְצֵייעֶן דִי זִינְד. **וְזֶהוּ** אוּן דָאס וָואס מִיר הָאבְּן פְרִיעֶר גֶעזָאגְט אַז וֶוען מֶען קְרֶעכְצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט מֶען צוּ זִיךְ אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט אוּן מֶען עֶרְפִילְט אַלֶעס וָואס פֶעלְט, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, דָאס אִיז בְּחִינַת שְׁלשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת דִי דְרַייצְן מִידוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, (שְׁמוֹת לד, ו): ׳ה' ה' אֵל רַחוּם וְחַנּוּן אֶרֶךְ אַפַּיִם׳ עֶר פַארְלֶענְגֶערְט דָאס אָטֶעם נִישְׁט צוּ צֶערֶענֶען, ׳וְרַב חֶסֶד׳ אוּן טוּט פִיל גוּטְס, ׳וֶאֱמֶת׳ אוּן אֱמֶת׳דִיג, ׳נוֹצֵר חֶסֶד׳ עֶר הִיט אָפּ דָאס גוּטְס וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט, ׳לָאֲלָפִים׳ צוּ בַּאצָאלְן פַאר צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר, ׳נוֹשֵׂא עָוֹן׳ עֶר אִיז מוֹחֵל פַאר דִי וָואס זִינְדִיגְן בְּמֵזִיד, ׳וָפֶשַׁע׳ אוּן פַאר דִי וָואס זִינְדִיגְן אִים צוּ דֶערְצֶערֶענֶען; טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אַזוֹי: **׳אֶרֶךְ אַפַּיִם׳** וָואס אִיז דָאס אֶרֶךְ אַפַּיִם? **הוּא** בְּחִינַת הָרוּחַ דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי אָטֶעם, **שֶׁהוּא** מַאֲרִיךְ רוּחֵהּ וָואס עֶר הָאט אַ לַאנְגֶע אָטֶעם, עֶר וַוארְט אוֹיס, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען – הָאט עֶר אַ לַאנְגֶע אָטֶעם, בְּחִינַת **אֲנָחָה** עַל הַחִסָּרוֹן דָאס הֵייסְט עֶר קְרֶעכְצְט זִיךְ אוֹיס

"וְרַב חֶסֶד וֶאֱמֶת", כְּמוֹ שֶׁאָמַרְנוּ, שֶׁמְּקַבְּלִין הָרוּחַ־חַיִּים מֵהַצַּדִּיק רַב דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהוּא "רַב חֶסֶד", הֶפֶךְ עֵשָׂו רַב דִּקְלִפָּה, שֶׁהוּא אַדְמוֹנִי, תֹּקֶף הַדִּין. וְהַיְנוּ "וֶאֱמֶת", כִּי הַצַּדִּיק מְקַבֵּל הָרוּחַ־חַיִּים מֵהַתּוֹרָה, שֶׁנִּקְרֵאת (מַלְאָכִי ב): "תּוֹרַת אֱמֶת הָיְתָה בְּפִיהוּ". וְהַיְנוּ "נֹצֵר חֶסֶד לָאֲלָפִים"; 'לָאֲלָפִים' — זֶה בְּחִינַת אַלּוּפֵי עֵשָׂו, רַבְרְבֵי עֵשָׂו שֶׁהֵם רַב דִּקְלִפָּה. וְזֶהוּ:

צום אייבערשטן און ער שרייט: 'הייליגער באשעפער ווי ווייט בין איך פון דיר?' און ער איז זיך מדבק צום צדיק און צום רבי'ן פונעם דור, והיינו און דאס איז די מדה פון 'ורב חסד' [און טוט פיל גוטס], 'ואמת' [און אמת'דיג], כמו שאמרנו אזוי ווי מען האט שוין פריער געזאגט, אז דורך קרעכצן צום אייבערשטן, שמקבלין הרוח חיים באקומט מען א לעבעדיגע גייסט מהצדיק רב דקדשה פונעם צדיק, פונעם הייליגן רבי'ן, שהוא וואס דער צדיק איז - 'רב חסד' פול מיט גענאדע, ער זוכט שטענדיג גוטס אין יעדן איינעם. [לויט אונזער שכל און פארשטאנד וואלט א מענטש וואס איז פול מיט זינד געדארפט באקומען שווערע שטראפן און מיר וואלטן גע'פסק'נט אז אזא איינער קען שוין נישט תשובה טון, אבער די רחמנות, די חסד פונעם צדיק אמת - איז אזוי גרויס, דער צדיק אמת קוקט אויפן מענטש מיט אזא גרויסע רחמנות און זוכט אין אים אויף א פינטל גוטס און מאכט דאס גרויס, ביז ער ברענגט אים צוריק צום אייבערשטן], הפך עשו פינקט דאס פארקערטע פון עשו הרשע, רב דקלפה וואס איז א רבי וואס פארשטעלט דעם אייבערשטן, אזוי ווי א שאלאכטס וואס פארשטעלט די פרוכט, ווייל ער זוכט נאר דאס שלעכטס און די חסרונות פון יעדן איינעם, שהוא אדמוני וואס ער - עשו הרשע - איז א רויטער, תקף הדין וואס איז מרמז אויף דינים, אויפצוזוכן שלעכטס אויף אידישע קינדער; אבער דער צדיק אמת איז אנגעפילט מיט גוטס און רחמנות, ער איז מלמד זכות אויף יעדן איינעם, ער לעבט מיט די הייליגע תורה, והיינו און דאס איז מרומז אין די מדה 'ואמת' 'ואמת', דער צדיק איז זוכה צו אמת, כי הצדיק ווייל דער צדיק מקבל הרוח חיים נעמט זיין לעבעדיגע גייסט מהתורה פון די תורה שנקראת וואס ווערט אנגערופן 'אמת', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (מלאכי ב, ו): 'תורת אמת' די אמת'ע תורה 'היתה בפיהו' איז געווען אין זיין מויל, והיינו און דאס איז די מדה פון 'נצר חסד לאלפים' 'נוצר חסד' דער אייבערשטער היט אפ דאס גוטס וואס א מענטש טוט, 'לאלפים' צו באצאלן פאר צוויי טויזנט יאר, טייטשט דער רבי, 'לאלפים' די ווארט 'לאלפים' - זה בחינת 'אלופי עשו' דאס מיינט מען 'אלופים' די הארן פון עשו, וואס דער תרגום זאגט דערויף די לשון רברבי עשו די רבי'ס פון עשו, שהם רב דקלפה וואס

זַיי זֶענֶען אַ רֶבִּי פוּן דִי קְלִיפָּה, וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט 'נֹצֵר חֶסֶד' - שֶׁחֶסֶד אַז דִי חֶסֶד, בְּחִינַת הָרַב דִּקְדֻשָּׁה וָואס דָאס אִיז דִי מִדָּה פוּנֶעם אֱמֶת'ן צַדִּיק - נוֹצֵר הִיט אָפּ וּמַמְתִּיק אוּן מַאכְט זִיס - בְּחִינַת אַלּוּפֵי עֵשָׂו דִי דִינִים פוּן דִי הַארְן פוּן עֵשָׂו, רַבְרְבֵי עֵשָׂו דִי רֶעבֶּעס פוּן עֵשָׂו; דֶער צַדִּיק מִיט זַיין הֵיילִיגֶער כֹּחַ וָואס עֶר נֶעמְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן בַּאקוּמְט פוּן דִי תּוֹרָה דִי 'רוּחַ חַיִּים', דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט - הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן פוּן דִי קְלִיפּוֹת, אוֹיךְ אִיז פְּשַׁט 'נוֹצֵר חֶסֶד לַאֲלָפִים' דֶער צַדִּיק וָואס אִיז 'חֶסֶד' - 'נוֹצֵר' עֶר הִיט אוּן זוּכְט אוֹיף דָאס גוּטְס אִינֶעם מֶענְטְשׁ, 'לַאֲלָפִים' אֲפִילוּ עֶס אִיז אֵיין פִּינְטְל פוּן טוֹיזְנְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּחוּמִין הֲלָכָה ו, אוֹת ו): 'אֲפִלּוּ אִם אֵין מוֹצְאִין בּוֹ כִּי אִם זְכוּת אֶחָד מִנִּי אֶלֶף', אֲפִילוּ עֶר טְרֶעפְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ נָאר אַ טוֹיזְנְטְסְטְל גוּטְס, אוּן אֲפִילוּ אִין דֶעם טוֹיזְנְטְסְטְל פִּינְטְל אַלֵיינְס אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט נַיין הוּנְדֶערְט נַיין אוּן נַיינְצִיג פְּרָאצֶענְט שְׁלֶעכְטְס, אִיז דֶער צַדִּיק מְלַמֵּד זְכוּת אוֹיף אִים, אוּן דְרֵייט אִים אִיבֶּער עֶר זָאל וֶוערְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר זָאל וֶוערְן אַ צַדִּיק.

"נֹצֵר חֶסֶד" — שֶׁחֶסֶד, בְּחִינַת הָרַב דִּקְדֻשָּׁה, נוֹצֵר וּמַמְתִּיק בְּחִינַת אַלּוּפֵי עֵשָׂו, רַבְרְבֵי עֵשָׂו. וְעַל כֵּן "נֹשֵׂא עָוֹן וָפֶשַׁע", כִּי עַל־יְדֵי רוּחַ הַחַיִּים, שְׁלֵמוּת הַחִסָּרוֹן, שֶׁמַּמְשִׁיכִין מֵהַצַּדִּיק עַל־יְדֵי אֲנָחָה, עַל־יְדֵי־זֶה נִתְכַּפְּרִין הָעֲווֹנוֹת, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת "וְאִישׁ חָכָם יְכַפְּרֶנָּה" כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ "נֹשֵׂא עָוֹן וָפֶשַׁע", כַּנַּ"ל.

ה וְהִנֵּה, כְּשֶׁמִּתְאַנֵּחַ מַמְשִׁיךְ רוּחַ הַחַיִּים אֶל הַחִסָּרוֹן, שֶׁמִּתְאַנֵּחַ עָלָיו וּמַשְׁלִים אוֹתוֹ.

וְעַל כֵּן אוּן דֶערְפַאר קֶען דֶער צַדִּיק נֹשֵׂא עָוֹן וָפֶשַׁע פַארְצֵייעֶן עֲבֵירוֹת, כִּי עַל יְדֵי רוּחַ הַחַיִּים ווייל מִיט דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט שְׁלֵמוּת הַחִסָּרוֹן וָואס עֶרְפִילְט דִי חֶסְרוֹנוֹת, שֶׁמַּמְשִׁיכִין מֵהַצַּדִּיק וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּנֶעם צַדִּיק, עַל יְדֵי אֲנָחָה דוּרְךְ זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עַל יְדֵי זֶה דוּרְכְדֶעם נִתְכַּפְּרִין הָעֲווֹנוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְחִילַת עֲווֹנוֹת, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת וָואס דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט 'וְאִישׁ חָכָם' דֶער קְלוּגֶער מַאן - דֶער צַדִּיק אֱמֶת - 'יְכַפְּרֶנָּה' טוּט פַארְצֵייעֶן דִי עֲבֵירוֹת, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז דִי מִדָּה פוּן 'נֹשֵׂא עָוֹן וָפֶשַׁע' עֶר טוּט פַארְצֵייעֶן דִי זִינְד, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

ה וְהִנֵּה אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם צַדִּיק, אוּן עֶר הָאט דִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זִיךְ אוֹיסְצוּקְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כְּשֶׁמִּתְאַנֵּחַ מַמְשִׁיךְ רוּחַ הַחַיִּים אַז וֶוען מֶען קְרֶעכְצְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים דַאוֶוענֶען אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ זִיךְ 'רוּחַ חַיִּים' דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט אֶל הַחִסָּרוֹן אוּן עֶרְפִילְן וָואס פֶעלְט, שֶׁמִּתְאַנֵּחַ עָלָיו דוּרְךְ קְרֶעכְצְן

אַךְ לְהִתְגָּרוֹת בָּרְשָׁעִים אִי אֶפְשָׁר, כִּי כְּשֶׁמִּתְגָּרֶה בְּהָרָשָׁע, וְהוּא מִתְאַנֵּחַ וּמַמְשִׁיךְ הָרוּחַ מֵהֶרֶב שֶׁלּוֹ דִּקְלִפָּה, וְהָרוּחַ שֶׁלּוֹ גָּדוֹל בְּשַׁעְתּוֹ, וְעַל כֵּן "כָּל צוֹרְרָיו יָפִיחַ בָּהֶם", כַּנַּ"ל, וְיוּכַל לְהַזִּיק לוֹ, חַס וְשָׁלוֹם. וְעַל כֵּן לָאו כָּל אָדָם יָכוֹל לְהִתְגָּרוֹת בָּרְשָׁעִים, אִם לֹא מִי שֶׁהוּא צַדִּיק גָּמוּר. וְצַדִּיק גָּמוּר הוּא, כְּשֶׁהוּא בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי י"ב): "לֹא יְאֻנֶּה לַצַּדִּיק כָּל אָוֶן", דְּהַיְנוּ שֶׁכְּבָר גֵּרַשׁ וּבִטֵּל כָּל הָרַע שֶׁלּוֹ, עַד שֶׁבָּטוּחַ שֶׁלֹּא יֶאֱרַע לוֹ שׁוּם מִכְשׁוֹל עֲבֵרָה:

און בֶּעטְן, וּמַשְׁלִים אוֹתוֹ בִּיז עֶס פֶעלְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט; קֶען מֶען אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אַז מֶען אִיז גֶענוּג גְרוֹיס זִיךְ צוּ קֶענֶען רֵייצְן מִיט דִי רְשָׁעִים וָואס רֶעדְן און שְׁפֶּעטְן אוֹיפְן צַדִּיק און אוֹיף דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז נֵיין, אַךְ לְהִתְגָּרוֹת בָּרְשָׁעִים אִי אֶפְשָׁר עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ רֵייצְן מִיט רְשָׁעִים כִּי כְּשֶׁמִּתְגָּרֶה בְּהָרָשָׁע וַוייל וֶוען דוּ רֵייצְסְט זִיךְ מִיטְן רָשָׁע, וְהוּא מִתְאַנֵּחַ און דֶער רָשָׁע קְרֶעכְצְט, וּמַמְשִׁיךְ הָרוּחַ און צִיט צוּ זִיךְ לוּפְט מֵהֶרֶב שֶׁלּוֹ דִּקְלִפָּה פוּן זַיין רֶעבֶּע פוּן דִי קְלִיפָּה, וְהָרוּחַ שֶׁלּוֹ גָּדוֹל בְּשַׁעְתּוֹ און זַיין לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דִי שְׁטִיקְל צַייט, וְעַל כֵּן דֶערִיבֶּער שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים י, ה): 'כָּל צוֹרְרָיו יָפִיחַ בָּהֶם' מִיט אֵיין בְּלָאז וָואס דֶער רָשָׁע גֶעבְּט פַּאלְן אַלֶע זַיינֶע פֵיינְט דֶערְמִיט, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ג), וְיוּכַל לְהַזִּיק לוֹ און עֶר קֶען אִים שֶׁעדִיגְן, חַס וְשָׁלוֹם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן, וְעַל כֵּן דֶערִיבֶּער לָאו כָּל אָדָם יָכוֹל לְהִתְגָּרוֹת בָּרְשָׁעִים קֶען נִישְׁט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ רֵייצְן מִיט רְשָׁעִים, און עֶס אִיז בֶּעסֶער מֶען זָאל בִּכְלָל נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט זֵיי, נִישְׁט הָאבְּן קֵיין וִיכּוּחִים מִיט זֵיי, וַוייל זֵייעֶר רוּחַ אִיז שְׁטַארְק און זֵיי קֶענֶען דִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן, דִיךְ אָפְּקִילְן, דִיךְ אַוֶועק נֶעמֶען פוּנֶעם צַדִּיק, אִם לֹא אוֹיסֶער מִי שֶׁהוּא צַדִּיק גָּמוּר אֵיינֶער וָואס אִיז אַ גַאנְצֶער צַדִּיק, עֶר מֶעג זִיךְ יָא רֵייצְן מִיט דִי רְשָׁעִים. וְצַדִּיק גָּמוּר הוּא און וֶוער אִיז אַ צַדִּיק גָּמוּר וָואס מֶעג זִיךְ רֵייצְן מִיט רְשָׁעִים? כְּשֶׁהוּא בִּבְחִינַת דֶער וָואס אִיז בַּיי זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זֶעט שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין און בְּתוֹךְ כָּל עָלְמִין, נִישְׁטָא קֵיין מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אִין יֶעדֶע תְּנוּעָה, אִין יֶעדֶע זַאךְ – אִיז דָארְט בַּאהַאלְטְן דֶער אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם; דֶער דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי י"ב, כא): 'לֹא יְאֻנֶּה לַצַּדִּיק' עֶס וֶועט נִישְׁט פַּאסִירְן פַארְן צַדִּיק, 'כָּל אָוֶן' קֵיין שׁוּם זִינְד אֲפִילוּ בְּשׁוֹגֵג, דְּהַיְנוּ דָאס הֵייסְט שֶׁכְּבָר גֵּרַשׁ דֶער צַדִּיק הָאט שׁוֹין פַארְטְרִיבְּן, וּבִטֵּל און אוֹיסְגֶעוָּרִיסְן פוּן זִיךְ – כָּל הָרַע שֶׁלּוֹ זַיין גַאנְצֶע שְׁלֶעכְטְס, עַד שֶׁבָּטוּחַ עֶר אִיז זִיכֶער בַּיי זִיךְ שֶׁלֹּא יֶאֱרַע לוֹ אַז עֶס וֶועט אִים נִישְׁט פַּאסִירְן שׁוּם מִכְשׁוֹל עֲבֵרָה קֵיין שׁוּם שְׁטְרוֹיכְלוּנְג פוּן עֲבֵירוֹת.

**וְהָעִנְיָן** — כִּי יֵשׁ אַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת: אֵשׁ, רוּחַ, מַיִם, עָפָר; וּלְמַעְלָה בְּשָׁרְשָׁם הֵם אַרְבַּע אוֹתִיּוֹת הֲוָיָ"ה, וּלְמַטָּה הֵם מְעֹרָבִים טוֹב וָרָע. וְהַצַּדִּיק גָּמוּר שֶׁהִבְדִּיל וְהִפְרִישׁ הָרָע מִן הַטּוֹב לְגַמְרֵי, עַד שֶׁלֹּא נִשְׁאַר לוֹ שׁוּם רַע מֵאֶחָד מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת הַנַּ"ל, שֶׁהֵם כְּלַל הַמִּדּוֹת כַּיָּדוּעַ, וּכְשֶׁהוּא בִּבְחִינָה זוֹ מֻתָּר לְהִתְגָּרוֹת בָּרְשָׁעִים:

**וְהָעִנְיָן** — כִּי כָּל רָשָׁע, הַהֶכְרֵחַ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ

**וְהָעִנְיָן** און ווי אַזוֹי קֶען מֶען אוֹיסרַייסְן פון זיך די גאנצע שְׁלֶעכְטְס? זָאגְט דֶער רֶבִּי, כִּי יֵשׁ אַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת די וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן מִיט פִיר יְסוֹדוֹת, אֵשׁ פֵייעֶר, רוּחַ לוּפְט, מַיִם וַואסֶער, עָפָר עֶרְד, וָואס פוּן די פִיר יְסוֹדוֹת קוּמֶען אַרוֹיס אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת (אַזוֹי וִוי שׁוֹין אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט פְרִיעֶר אִין תּוֹרָה ד' אוֹת ח'), וּלְמַעְלָה בְּשָׁרְשָׁם און די פִיר מִידוֹת קוּמֶען בְּעֶצֶם פוּן אַ הוֹיכֶע פְלַאץ, הֵם אַרְבַּע אוֹתִיּוֹת הֲוָיָ"ה דָאס אִיז די פִיר אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא, און דָאס אִיז מְרַמֵּז אַנְטְקֶעגְן די פִיר וֶועלְטְן, אֲצִילוּת, בְּרִיאָה, יְצִירָה און עֲשִׂיָּה, וָואס דָארְט שַׁיינֶען די שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ע"ב ס"ג מ"ה ב"ן (אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין סִימָן ב'), וּלְמַטָּה און דָא אוּנְטְן, אוֹיף די וֶועלְט הֵם מְעֹרָבִים טוֹב וָרָע וֶוערְן זֵיי אוֹיסְגֶעמִישְׁט גוּט מִיט שְׁלֶעכְט.

**פוּן** די פִיר יְסוֹדוֹת קוּמֶען אַרוֹיס אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, פוּן די יְסוֹד אֵשׁ-פֵייעֶר - קוּמְט די גַּאֲוָה, און פוּן רוּחַ-לוּפְט - קוּמְט די שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע און דְּבָרִים בְּטֵלִים, און פוּן מַיִם-וַואסֶער - קוּמֶען אַלֶע תַּאֲווֹת, און פוּן עָפָר-עֶרְד - קוּמְט דֶעפְּרֶעסְיֶע און פוֹילְקַייט; דָאס הָאט פַּאסִירְט וֶוען אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט די שְׁלַאנְג - דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם - און גֶעגֶעסְן פוּנֶעם 'עֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרָע', דֶעמָאלְט אִיז גֶעוָוארְן אַלֶעס אוֹיסְגֶעדְרֵייט און אוֹיסְגֶעמִישְׁט, און מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט די שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת און מִיט די שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲוֹת.

**וְהַצַּדִּיק** גָּמוּר אָבֶער דֶער צַדִּיק וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, שֶׁהִבְדִּיל וָואס הָאט אָפְּגֶעטֵיילְט וְהִפְרִישׁ און אָפְּגֶעשֵׁיידְט הָרָע מִן הַטּוֹב דָאס שְׁלֶעכְטְס פוּן דָאס גוּטְס לְגַמְרֵי אִינְגַאנְצְן, עַד שֶׁלֹּא נִשְׁאַר לוֹ שׁוּם רַע בִּיז עֶס אִיז אִים נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן קֵיין פִּינְטְל שְׁלֶעכְטְס מֵאֶחָד מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת פוּן די פִיר יְסוֹדוֹת הַנַּ"ל אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, שֶׁהֵם כְּלַל הַמִּדּוֹת וָואס פוּן די פִיר יְסוֹדוֹת קוּמֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, כַּיָּדוּעַ אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוְוּסְט; וּכְשֶׁהוּא בִּבְחִינָה זוֹ דֶער צַדִּיק וָואס הַאלְט בַּיי דֶעם, מֻתָּר לְהִתְגָּרוֹת בָּרְשָׁעִים מֶעג זִיךְ יָא רֵייצְן מִיט רְשָׁעִים.

**וְהָעִנְיָן** פַארְוָואס טַאקֶע מֶעג זִיךְ דֶער צַדִּיק גָּמוּר רֵייצְן מִיט רְשָׁעִים? כִּי כָּל רָשָׁע ווייל יֶעדֶער רָשָׁע הַהֶכְרֵחַ מוּז זַיין שֶׁיִּהְיֶה לוֹ צִנּוֹר אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ

צִנּוֹר שֶׁיְּקַבֵּל דֶּרֶךְ שָׁם הָרוּחַ שֶׁלּוֹ לְהַשְׁלִים הַחִסָּרוֹן, וְהַצִּנּוֹר הוּא — דֶּרֶךְ הַמִּדָּה רָעָה מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת שֶׁהִמְשִׁיךְ וְהִגְבִּיר — הוּא הַדֶּרֶךְ וְהַצִּנּוֹר שֶׁמְּקַבֵּל דֶּרֶךְ שָׁם הָרוּחַ־חַיִּים שֶׁלּוֹ לְהַשְׁלִים חֶסְרוֹנוֹ. וּכְשֶׁהַצַּדִּיק רוֹצֶה לְהַשְׁפִּילוֹ, הוּא מֻכְרָח לֵירֵד לְהַמִּדָּה רָעָה הַהִיא שֶׁהִגְבִּיר עָלָיו הָרָשָׁע, לְהַכְנִיעָהּ וּלְקַלְקֵל הַצִּנּוֹר הַהוּא שֶׁל הָרָשָׁע, שֶׁמְּקַבֵּל מִשָּׁם הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ. וְעַל כֵּן מֻכְרָח שֶׁיִּהְיֶה זֶה הַצַּדִּיק צַדִּיק גָּמוּר, שֶׁאֵין בּוֹ שׁוּם רָע, לְמַעַן לֹא יִהְיֶה כֹּחַ לְהָרוּחַ־סְעָרָה, שֶׁהוּא הָרוּחַ־חַיִּים שֶׁל הָרָשָׁע, לִשְׁלֹט וּלְהַזִּיק, חַס וְשָׁלוֹם, לְהַצַּדִּיק בְּעֵת שֶׁיּוֹרֵד לְהַמִּדָּה רָעָה שֶׁל

וועג **שֶׁיְּקַבֵּל דֶּרֶךְ שָׁם** וואס ער באקומט דורך דעם וועג **הָרוּחַ שֶׁלּוֹ** זיין גייסט, **לְהַשְׁלִים הַחִסָּרוֹן** צו ערפילן וואס עס פעלט אים. ווייל אזוי ווי ביי די קדושה איז דא פאר יעדן צדיק א באזונדערע וועג, אזוי ווי די הייליגע חכמים זכרונם לברכה זאגן (תענית ט:): 'כָּל צַדִּיק וְצַדִּיק הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ חָזִיז בִּפְנֵי עַצְמוֹ', דער אייבערשטער געבט פאר יעדן צדיק א באזונדערע וואוינונג, לויט וויפיל דער צדיק האט געהארעוועט און זיך געפלאגט אין עבודת השם, אזוי אויך זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה, ביי די טומאה - האט יעדער רשע זיין וועג ביי די טומאה, **וְהַצִּנּוֹר הוּא דֶּרֶךְ הַמִּדָּה רָעָה** און דער רער איז די וועג פון זיין שלעכטע מדה, **מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת** פון די פיר יסודות **שֶׁהִמְשִׁיךְ וְהִגְבִּיר** וואס ער האט געצויגן צו זיך, און זיך געשטארקט; **הוּא הַדֶּרֶךְ וְהַצִּנּוֹר** דאס איז די וועג און די רער **שֶׁמְּקַבֵּל דֶּרֶךְ שָׁם הָרוּחַ חַיִּים שֶׁלּוֹ** וואס ער באקומט פון דארט זיין לעבעדיגע גייסט **לְהַשְׁלִים חֶסְרוֹנוֹ** צו ערפילן וואס פעלט אים.

ווען דער צדיק וויל אונטערטעניגן דעם רשע, **הוּא מֻכְרָח לֵירֵד** דארף דער צדיק אראפגיין **לְהַמִּדָּה רָעָה הַהִיא** צו די שלעכטע מדה **שֶׁהִגְבִּיר עָלָיו הָרָשָׁע** פונעם רשע, **לְהַכְנִיעָהּ** דאס אונטער צו ברענגען, **וּלְקַלְקֵל הַצִּנּוֹר הַהוּא שֶׁל הָרָשָׁע** און אזוי צעשטערן די וועג פונעם רשע, **שֶׁמְּקַבֵּל מִשָּׁם הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ** וואס דער רשע נעמט פון דארט זיין לעבעדיגקייט, **וְעַל כֵּן** און וויבאלד מען דארף אריינגיין אין די פלאץ פון די טומאה, וואס איז א גרויסע סכנה עס זאל נישט שאטן פארן צדיק, **מֻכְרָח** מוז זיין **שֶׁיִּהְיֶה זֶה הַצַּדִּיק** אז דער צדיק וואס איז עוסק אין מתקן זיין דעם רשע, זאל זיין **צַדִּיק גָּמוּר** א גרויסער צדיק וואס איז אינגאנצן אויסגעארבעט, **שֶׁאֵין בּוֹ שׁוּם רָע** וואס האט נישט אין זיך קיין שום שלעכטס, **לְמַעַן לֹא יִהְיֶה כֹּחַ** כדי עס זאל נישט זיין קיין כֹּחַ **לְהָרוּחַ סְעָרָה** פאר די שטורעם ווינט, **שֶׁהוּא הָרוּחַ חַיִּים שֶׁל הָרָשָׁע** וואס דאס איז די לעבעדיגע גייסט פונעם רשע - **לִשְׁלֹט וּלְהַזִּיק חַס וְשָׁלוֹם לְהַצַּדִּיק** צו געוועלטיגן און צו שעדיגן חס ושלום דעם צדיק, **בְּעֵת שֶׁיּוֹרֵד** ווען ער נידערט אראפ **לְהַמִּדָּה רָעָה** צו די שלעכטע מדה

**הָרָשָׁע לְקַלְקְלָהּ, כִּי אֵין לְהָרָע שׁוּם תְּפִיסָה וַאֲחִיזָה בְּהַצַּדִּיק גָּמוּר, וְאֵין לוֹ מָקוֹם לֶאֱחֹז בּוֹ. (וְגַם מֵהַמִּדָּה רָעָה בְּעַצְמָהּ שֶׁיּוֹרֵד לְהַכְנִיעָהּ אֵין לוֹ שׁוּם תְּפִיסָה, חַס וְשָׁלוֹם, רַק מַה שֶּׁיּוֹרֵד לְתוֹכָהּ הוּא לְהַכְנִיעָהּ וּלְהַשְׁפִּילָהּ, בִּבְחִינַת** (בְּרֵאשִׁית י״ג): **"וַיַּעַל אַבְרָם מִמִּצְרַיִם"):**

**וְזֶהוּ** (תְּהִלִּים קמ״ז): **מַ'שְׁפִּיל רְ'שָׁעִים עֲ'דֵי אָ'רֶץ — רָאשֵׁי־תֵבוֹת: אֵשׁ, רוּחַ, מַיִם, עָפָר, שֶׁהֵם כָּל הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת, שֶׁהֵם כְּלַל כָּל הַמִּדּוֹת, שֶׁצְּרִיכִין לְבָרְרָם בְּבֵרוּר גָּמוּר, עַד שֶׁלֹּא יִהְיֶה בּוֹ שׁוּם אֲחִיזָה**

**שֶׁל הָרָשָׁע** פוּנֶעם רָשָׁע, **לְקַלְקְלָהּ** עֶס אַוֶועק צוּ נֶעמֶען; **כִּי** וַוייל דֶעמָאלְט וֶוען דֶער צַדִּיק אִיז אִינְגַאנְצְן רֵיין פוּן שְׁלֶעכְטְס, **אֵין לְהָרָע** הָאט נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטְס פוּנֶעם רָשָׁע, **שׁוּם תְּפִיסָה וַאֲחִיזָה** קַיין שׁוּם וֶועג ווִי זִיךְ צוּ קֶענֶען אָנְכַאפְּן **בְּהַצַּדִּיק גָּמוּר** אִינֶעם אֶמֶת'ן צַדִּיק, **וְאֵין לוֹ מָקוֹם לֶאֱחֹז בּוֹ** אוּן קַיין שׁוּם וֶועג ווִי אַזוֹי אִים צוּ שֶׁעדִיגְן, וַוייל דֶער צַדִּיק אִיז אִינְגַאנְצְן רֵיין, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט דִי פִיר יְסוֹדוֹת עֶס זָאל זַיין אִינְגַאנְצְן רֵיין פוּן שְׁלֶעכְטְס, אוּן דֶערְפַאר וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן 'צַדִּיק גָּמוּר'. **(וְגַם** אוּן נִישְׁט נָאר דֶער רָשָׁע קֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן פַארְן צַדִּיק, וַוייל עֶר הָאט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אִינְגַאנְצְן אַלֶע זַיינֶע מִידוֹת, צוּ זַיין אִינְגַאנְצְן רֵיין, נָאר אוֹיךְ **מֵהַמִּדָּה רָעָה בְּעַצְמָהּ** פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה אַלֵיין, **שֶׁיּוֹרֵד לְהַכְנִיעָהּ** וואו דֶער צַדִּיק נִידֶערְט יֶעצְט אַרָאפּ אִיר צוּ מַכְנִיעַ זַיין, **אֵין לוֹ שׁוּם תְּפִיסָה** הָאט דֶער צַדִּיק אוֹיךְ נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, **חַס וְשָׁלוֹם** דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן. **רַק מַה** נָאר דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס דֶער צַדִּיק הָאט אַ שַׁייכוּת מִיט דִי מִדָּה **שֶׁיּוֹרֵד לְתוֹכָהּ** וָואס עֶר גֵייט אַרָאפּ יֶעצְט צוּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, **הוּא לְהַכְנִיעָהּ וּלְהַשְׁפִּילָהּ** אִיז דָאס נָאר צוּ צֶעקְלַאפְּן אוּן אוֹיסְרַייסְן דִי שְׁלֶעכְטְס, **בִּבְחִינַת** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית י״ג, א): **'וַיַּעַל אַבְרָם מִמִּצְרַיִם'** אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, 'עִם רְכוּשׁ גָּדוֹל' מִיט אַ גְרוֹיס פַארְמֶעגְן, דָאס מֵיינְט מֶען, עֶר הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען אוּן אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן דָארְט פַארְפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת). **וְזֶהוּ** אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קמ״ז, ו): **מַ'שְׁפִּיל רְ'שָׁעִים עֲ'דֵי אָ'רֶץ** [דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער אוּנְטֶערְטֶענִיגְט דִי רְשָׁעִים בִּיז צוּ דֶער עֶרְד], דִי וֶוערְטֶער **רָאשֵׁי תֵבוֹת** אִיז דִי **רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: אֵשׁ** פֵייעֶר, **רוּחַ** לוּפְט, **מַיִם** וַואסֶער, **עָפָר** עֶרְד, **שֶׁהֵם** וָואס דִי פִיר זַאכְן זֶענֶען **כָּל הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת** דִי פִיר יְסוֹדוֹת מִיט וָואס דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, **שֶׁהֵם כְּלַל כָּל הַמִּדּוֹת** וָואס פוּן זֵיי קוּמֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, **שֶׁצְּרִיכִין לְבָרְרָם** וָואס מֶען דַארְף זֵיי אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, **בְּבֵרוּר גָּמוּר** בִּיז מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן רֵיין, **עַד שֶׁלֹּא יִהְיֶה בּוֹ** בִּיז עֶס זָאל מֶער נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין אִים, **שׁוּם אֲחִיזָה** מִשּׁוּם רַע קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס, **שֶׁבְּשׁוּם מִדָּה**

מִשּׁוּם רַע שֶׁבְּשׁוּם מִדָּה מֵהָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת הַנַּ"ל, וַאֲזַי הוּא צַדִּיק גָּמוּר כַּנַּ"ל. וְאָז דַּיְקָא, כְּשֶׁמַּבְדִּיל הָרָע מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת — אֵשׁ, רוּחַ, מַיִם, עָפָר — אֲזַי הוּא מַשְׁפִּיל רְשָׁעִים עֲדֵי אָרֶץ כַּנַּ"ל. מַה שֶּׁאֵין כֵּן צַדִּיק שֶׁאֵינוֹ גָּמוּר, אַף שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם עֲבֵרָה, אַף־עַל־פִּי־כֵן עֲדַיִן לֹא הִבְדִּיל הָרָע לְגַמְרֵי וְהָרָע עֲדַיִן בְּכֹחַ, וְעַל כֵּן אָסוּר לוֹ לְהִתְגָּרוֹת בָּרְשָׁעִים, כִּי יֵשׁ מָקוֹם לְהָרָע לֶאֱחֹז בּוֹ, וְיוּכַל לְהַזִּיק לוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, הָאֲרִיכוּת־רוּחַ שֶׁל הָרָשָׁע, שֶׁהוּא גָּדוֹל בְּשַׁעְתּוֹ בִּבְחִינַת רוּחַ־סְעָרָה כַּנַּ"ל.

וְזֶהוּ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ז:): וְהָכְתִיב: "אַל תִּתְחַר

פון קיין שום שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה מֵהָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת פון די פִיר יְסוֹדוֹת הַנַּ"ל וָואס אִיז פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, וַאֲזַי הוּא צַדִּיק גָּמוּר און נָאר דֶעמָאלְט אִיז עֶר אַ צַדִּיק גָּמוּר, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אִין דֶעם אוֹת). וְאָז דַּיְקָא און נָאר דֶעמָאלְט, כְּשֶׁמַּבְדִּיל הָרָע וֶוען עֶר טֵיילְט אָפּ די שְׁלֶעכְטְס מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת פון די פִיר יְסוֹדוֹת אֵשׁ פֵייעֶר, רוּחַ לוּפְט, מַיִם וַואסֶער, עָפָר און עֶרְד, אֲזַי הוּא דֶעמָאלְט מַשְׁפִּיל רְשָׁעִים עֲדֵי אָרֶץ הָאט עֶר די כֹּחַ צוּ קֶענֶען מַכְנִיעַ זַיין די רְשָׁעִים, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. מַה שֶּׁאֵין כֵּן צַדִּיק שֶׁאֵינוֹ גָּמוּר אַנְדֶערְשׁ אִיז אָבֶער דֶער צַדִּיק וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט בַּיי די מַדְרֵיגָה, אַף שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם עֲבֵרָה אֲפִילוּ דֶער צַדִּיק הָאט טַאקֶע נִישְׁט קֵיין עֲבֵירוֹת, אַף עַל פִּי כֵן מִיט דֶעם אַלֶעם, עֲדַיִן לֹא הִבְדִּיל הָרָע לְגַמְרֵי הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט אָפְּגֶעטֵיילְט די שְׁלֶעכְטְס אִינְגַאנְצְן, וְהָרָע עֲדַיִן בְּכֹחַ און די שְׁלֶעכְטְס אִיז נָאךְ דָא אִין אִים, וְעַל כֵּן אָסוּר לוֹ לְהִתְגָּרוֹת בָּרְשָׁעִים דֶערִיבֶּער טָאר עֶר זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן מִיט די רְשָׁעִים, כִּי יֵשׁ מָקוֹם לְהָרָע לֶאֱחֹז בּוֹ ווייל דֶעמָאלְט קֶען די שְׁלֶעכְטְס פוּנֶעם רָשָׁע זִיךְ אָנְכַאפְּן אִין אִים, וְיוּכַל לְהַזִּיק לוֹ און עֶס וֶועט אִים דֶעמָאלְטְס קֶענֶען שֶׁעדִיגְן - חַס וְשָׁלוֹם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן - הָאֲרִיכוּת רוּחַ שֶׁל הָרָשָׁע די לַאנְגֶע גֵייסְט און אָטֶעם פוּנֶעם רָשָׁע שֶׁהוּא גָּדוֹל בְּשַׁעְתּוֹ וָואס אִיז גְרוֹיס אִין אִיר צַייט, בִּבְחִינַת רוּחַ סְעָרָה אַזוֹי ווִי אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט וָואס שְׁטוּרֶעמְט, וָואס אִין די צַייט פוּנֶעם שְׁטוּרֶעם אִיז דָאס אַ סַכָּנָה, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער רָשָׁע אִין זַיין צַייט וָואס עֶס גֵייט אִים גוּט קֶען עֶר שֶׁעדִיגְן, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ג); ווייל נָאר דֶער צַדִּיק וָואס הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, עֶר הָאט אָפְּגֶעטֵיילְט די שְׁלֶעכְטְס פון די פִיר יְסוֹדוֹת - עֶר קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן אִין די טוּמְאָה פון די רְשָׁעִים, עֶר הָאט נִישְׁט וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן, ווייל עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט די רוּחַ חַיִּים וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן אִין די תּוֹרָה.

וְזֶהוּ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה און דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): 'מוּתָּר לְהִתְגָּרוֹת בָּרְשָׁעִים בָּעוֹלָם הַזֶּה' מֶען מֶעג זִיךְ רֵייצְן מִיט רְשָׁעִים אוֹיף די וֶועלְט, און אַז

בַּמְּרֵעִים"? (תְּהִלִּים ל"ז) 'מִי שֶׁלִּבּוֹ נוֹקְפוֹ אוֹמֵר כֵּן'; פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י: 'הַיָּרֵא מֵעֲבֵרוֹת שֶׁבְּיָדוֹ' — 'שֶׁבְּיָדוֹ' דַּיְקָא. זֶהוּ שֶׁאָמַרְנוּ, כִּי בֶּאֱמֶת אֵין לוֹ שׁוּם עֲבֵרָה, רַק שֶׁהוּא יָרֵא עֲדַיִן מֵעֲבֵרוֹת שֶׁבְּיָדוֹ וְכֹחוֹ לַעֲשׂוֹת, כִּי הָרָע עֲדַיִן בְּכֹחַ, כִּי לֹא זָכָה עֲדַיִן לִבְחִינַת לֹא יְאֻנֶּה לַצַּדִּיק כָּל אָוֶן, וְאֵינוֹ בָּטוּחַ עֲדַיִן שֶׁלֹּא יֶאֱרַע לוֹ מִכְשׁוֹל עֲבֵרָה, חַס וְשָׁלוֹם, וְעַל כֵּן אָסוּר לוֹ לְהִתְגָּרוֹת בָּרְשָׁעִים כַּנַּ"ל.

וְזֶהוּ: "תַּחֲרִישׁ כְּבַלַּע רָשָׁע צַדִּיק מִמֶּנּוּ" (חֲבַקּוּק א), וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא

איינער וועט דיר פרעגן וְהַכְּתִיב עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק: 'אַל תִּתְחַר בַּמְּרֵעִים' זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן מִיט רְשָׁעִים? (תְּהִלִּים ל"ז, א), זָאלְסְטוּ אִים עֶנְטְפֶערְן: 'מִי שֶׁלִּבּוֹ נוֹקְפוֹ' וֶועם דִי הַארְץ קְלַאפְּט פוּן שְׁרֶעק - 'אוֹמֵר כֵּן' עֶר זָאגְט אַזוֹי, אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן מִיט רְשָׁעִים; וָואס מֵיינְט דָאס 'וֶועם דִי הַארְץ קְלַאפְּט'? פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י זָאגְט רַשִׁ"י: 'הַיָּרֵא מֵעֲבֵרוֹת שֶׁבְּיָדוֹ' דֶער מֶענְטְשׁ וָואס שְׁרֶעקְט זִיךְ פוּן דִי עֲבֵירוֹת פוּן זַיין הַאנְט, דֶער טָאר זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן מִיט רְשָׁעִים; דַארְף מֶען אָבֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דִי לָשׁוֹן 'שֶׁבְּיָדוֹ', זָאגְט דֶער רֶבִּי: 'שֶׁבְּיָדוֹ' דַּיְקָא עֶר כַאפְּט אָן דִי לָשׁוֹן 'עֲבֵירוֹת שֶׁבְּיָדוֹ' דִי עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע הֶענְט, זֶהוּ שֶׁאָמַרְנוּ דָאס מֵיינְט, דָאס וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר גֶערֶעדְט, אַז נָאר דֶער צַדִּיק גָּמוּר מֶעג זִיךְ אָרָאפְּלָאזְן אִין דִי טוּמְאָה פוּנֶעם רָשָׁע אִים צוּ מַכְנִיעַ זַיין, אָבֶער דֶער וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט זַיין גַאנְצֶע שְׁלֶעכְטְס, כִּי בֶּאֱמֶת אֵין לוֹ שׁוּם עֲבֵרָה אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם עֲבֵירוֹת, רַק שֶׁהוּא יָרֵא עֲדַיִן נָאר עֶר שְׁרֶעקְט זִיךְ נָאךְ מֵעֲבֵרוֹת פוּן עֲבֵירוֹת שֶׁבְּיָדוֹ וְכֹחוֹ לַעֲשׂוֹת וָואס אִיז אִין זַיינֶע הֶענְט אוּן אִין זַיינֶע כֹּחוֹת צוּ טוּן, כִּי הָרָע עֲדַיִן בְּכֹחַ וַוייל דִי שְׁלֶעכְטְס לִיגְט נָאךְ אִין אִים, עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, כִּי לֹא זָכָה עֲדַיִן וַוייל עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען לִבְחִינַת צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּנֶעם צַדִּיק גָּמוּר, וָואס בַּיי אִים שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי י"ב, כא): 'לֹא יְאֻנֶּה לַצַּדִּיק' עֶס וֶועט נִישְׁט פַּאסִירְן פַארְן צַדִּיק, 'כָּל אָוֶן' קַיין שׁוּם זִינְד, אֲפִילוּ בְּשׁוֹגֵג, וְאֵינוֹ בָּטוּחַ עֲדַיִן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט פַארְזִיכֶערְט, שֶׁלֹּא יֶאֱרַע לוֹ אַז עֶס וֶועט אִים נִישְׁט פַּאסִירְן מִכְשׁוֹל עֲבֵרָה גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט צוּ וֶוערְן מִיט אַן עֲבֵירָה, חַס וְשָׁלוֹם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן - וְעַל כֵּן וֶועגְן דֶעם אָסוּר לוֹ לְהִתְגָּרוֹת בָּרְשָׁעִים טָאר עֶר זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן מִיט רְשָׁעִים, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אִין דֶעם אוֹת).

וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'תַּחֲרִישׁ' דוּ פַארְשְׁוַוייגְסְט - 'כְּבַלַּע רָשָׁע' וֶוען דֶער רָשָׁע שְׁלִינְגְט אַיין, 'צַדִּיק מִמֶּנּוּ' דֶעם וָואס אִיז מֶער צַדִּיק פוּן אִים (חֲבַקּוּק א, יג), מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין וָואס זָאגְט עֶר צַדִּיק מִמֶּנּוּ? וָואס מֵיינְט עֶר מִיט דִי וָוארְט 'מִמֶּנּוּ'? וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ

זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא מְצִיעָא עא.) זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, 'צַדִּיק מִמֶּנּוּ בּוֹלֵעַ' דֶער רָשָׁע שְׁלִינְגְט אַיין נָאר דֶעם צַדִּיק וָואס אִיז נִישְׁט קַיין 'צַדִּיק גָּמוּר', נָאר עֶר אִיז אַ 'צַדִּיק מִמֶּנּוּ', עֶר אִיז מֶער צַדִּיק פוּן אִים, אָבֶער 'צַדִּיק גָּמוּר אֵינוֹ בּוֹלֵעַ' דֶער רָשָׁע קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלִינְגֶען דֶעם צַדִּיק גָּמוּר, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר, וָואס כַאפְּט עֶר אָן דִי לָשׁוֹן 'בּוֹלֵעַ' אַיינְשְׁלִינְגֶען? 'בּוֹלֵעַ' דַּיְקָא עֶר דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס דַּיְקָא מִיט דֶעם לָשׁוֹן פוּן אַיינְשְׁלִינְגֶען, כִּי הוּא בּוֹלֵעַ אוֹתוֹ מַמָּשׁ וַוייל דֶער רָשָׁע שְׁלִינְגְט מַמָּשׁ אַיין דֶעם צַדִּיק בַּאֲרִיכַת הָרוּחַ שֶׁלּוֹ מִיט זַיין לַאנְגֶע אָטֶעם שֶׁהוּא גָּדוֹל בִּשְׁעָתוֹ וָואס אִיז זַייעֶר גְרוֹיס פַאר דִי בִּיסְל צַייט, אוּן עֶס קֶען זַיין אַז עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, אֲבָל צַדִּיק גָּמוּר אֵינוֹ בּוֹלֵעַ אָבֶער דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק קֶען דֶער רָשָׁע גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, כִּי אֵין לִבּוֹ נוֹקְפוֹ וַוייל זַיין הַארְץ קְלַאפְּט אִים נִישְׁט, מְחַשֵּׁשׁ מִכְּשׁוֹל עֲבֵרָה עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שְׁרֶעק אַז עֶר וֶועט אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, כִּי כְּבָר בִּטֵּל הָרַע לְגַמְרֵי וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן זִיךְ דָאס שְׁלֶעכְטְס, מִכָּל הַמִּדּוֹת וְהַתַּאֲווֹת פוּן אַלֶע מִידוֹת וְהַתַּאֲווֹת אוּן פוּן אַלֶע גְלוּסְטֶענִישְׁן שֶׁל כָּל הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת פוּן דִי אַלֶע פִיר יְסוֹדוֹת.

**מְצִיעָא עא.): 'צַדִּיק מִמֶּנּוּ בּוֹלֵעַ' — 'בּוֹלֵעַ' דַּיְקָא, כִּי הוּא בּוֹלֵעַ אוֹתוֹ מַמָּשׁ בַּאֲרִיכַת הָרוּחַ שֶׁלּוֹ, שֶׁהוּא גָּדוֹל בִּשְׁעָתוֹ; אֲבָל צַדִּיק גָּמוּר אֵינוֹ בּוֹלֵעַ, כִּי אֵין לִבּוֹ נוֹקְפוֹ מְחַשֵּׁשׁ מִכְּשׁוֹל עֲבֵרָה כַּנַּ"ל, כִּי כְּבָר בִּטֵּל הָרַע לְגַמְרֵי מִכָּל הַמִּדּוֹת וְהַתַּאֲווֹת שֶׁל כָּל הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת. וְעַל כֵּן זֶה הַצַּדִּיק גָּמוּר וְכָל הַנִּלְוִים אֵלָיו מֻתָּרִים לְהִתְגָּרוֹת בָּרְשָׁעִים,**

וְעַל כֵּן אוּן וֶועגְן דֶעם, זֶה הַצַּדִּיק גָּמוּר דֶער צַדִּיק וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, וְכָל הַנִּלְוִים אֵלָיו אוּן אוֹיךְ אַלֶע וָואס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דֶעם צַדִּיק, דָאס הֵייסְט זֵיי גֵייעֶן אִין דִי וֶועגְן פוּנֶעם צַדִּיק אֶמֶת, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען נָאךְ וַוייט פוּן זַיין אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט פַארְרָאכְטְן זֵייעֶרֶע פִיר יְסוֹדוֹת, זֵיי לִיגְן נָאךְ אִין זֵייעֶרֶע תַּאֲווֹת, מֻתָּרִים מֶעגְן זֵיי אוֹיךְ לְהִתְגָּרוֹת בָּרְשָׁעִים זִיךְ רֵייצְן מִיט דִי רְשָׁעִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיֵּרָא, ט): 'אַשְׁרֵיהֶן הַצַּדִּיקִים' וואוֹיל אִיז פַאר דִי צַדִּיקִים, 'וְאַשְׁרֵי דִּבְקֵיהֶם' אוּן וואוֹיל אִיז פַאר דִי וָואס קְלֶעבְּן זִיךְ צוּ צוּם צַדִּיק; וַוייל דִי וָואס זֶענֶען דָּבוּק צוּם צַדִּיק בַּאקוּמֶען פוּנֶעם צַדִּיק אַ רוּחַ חַיִּים, וַוייל דֶער צַדִּיק אִיז אַזוֹי בָּטֵל וּמְבוּטָּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר שַׁיינְט אַרוֹיף דִי לִיכְטִיגֶע אַיינְגֶענֶעמֶע זִיסֶע לוֹיטֶערֶע שַׁיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶע וָואס זֶענֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת חֲנֻכָּה הֲלָכָה ב, אוֹת א): 'כִּי שָׁמַעְנוּ מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ' אִיךְ הָאבּ אַלֵיין גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּינְ'ס מוֹיל, 'שֶׁאֲפִילוּ כְּשֶׁמְּקֻרָבִין וּמְקוּשָּׁרִין לַצַּדִּיק כָּזֶה' אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז צוּגֶעבִּינְדְן אוּן בַּאהָאפְטְן צוּם צַדִּיק אֱמֶת, 'יְכוֹלִים גַּם כֵּן לַעֲמוֹד כְּנֶגֶד הָרְשָׁעִים' קֶען מֶען אוֹיךְ

אוֹיפְשְׁטֵיין קֶעגְן דִי רְשָׁעִים, 'וּלְהִתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם' אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק מִיט אַ גָאר שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט, מִיט דֶעם טוּט דֶער צַדִּיק פַארְצֵייעְן דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אֵיידֶער דִי הִתְקָרְבוּת צוּם צַדִּיק, אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ד), אוּן אוֹיךְ הֶעלְפְט אִים דֶער צַדִּיק עֶר זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן מֶער אִין עֲבֵירוֹת, כִּי זֶה הַצַּדִּיק ווייל דֶער צַדִּיק יָכוֹל לֵירֵד קֶען אַרָאפְּגֵיין לְתוֹךְ כָּל הַצִּנּוֹרוֹת צוּ אַלֶע רֶערְן שֶׁל כָּל הַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלָּהֶם פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, שֶׁהִתְגַּבְּרוּ עַל עַצְמָם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף זִיךְ, וּלְשַׁבְּרָם וּלְבַטְּלָם אוּן עֶר קֶען דָאס צֶעבְּרֶעכְן אוּן דָאס אִינְגַאנְצְן אַוֶועק נֶעמֶען, וְעַל יְדֵי זֶה אוּן אַזוֹי הָאט דֶער צַדִּיק דִי כֹּחַ הוּא מַשְׁפִּיל רְשָׁעִים עֲדֵי אָרֶץ צוּ אוּנְטֶערְטֶעניִגְן דִי רְשָׁעִים בִּיז צוּ דֶער עֶרְד, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. [דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶר ווֵייסְט בַּיי זִיךְ ווִי ווַייט עֶר אִיז, אוּן אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַ צִנּוֹר אִין דִי טוּמְאָה, עֶר לִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז שׁוֹין אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ טוּמְאָה אַז עֶר זֶעט שׁוֹין נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי טוּמְאָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, זָאל עֶר גְלֵייבְּן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ מְבַטֵּל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּם אֱמֶת'ן צַדִּיק אוּן צוּם רֶבִּי'ן פוּנֶעם דוֹר, וֶועט דֶער צַדִּיק אִים מְתַקֵּן זַיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין אַז עֶר וֶועט וֶוערְן אַ שְׁלִיחַ פַארְן צַדִּיק אֱמֶת, אוּן דוּרְךְ אִים וֶועט דֶער צַדִּיק אַרָאפְּגֵיין אִינֶעם צִנּוֹר פוּנֶעם רָשָׁע אוּן אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט גֵיין הֶפָּצָה אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם צַדִּיק'ס עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט].

**כִּי זֶה הַצַּדִּיק יָכוֹל לֵירֵד לְתוֹךְ כָּל הַצִּנּוֹרוֹת שֶׁל כָּל הַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלָּהֶם, שֶׁהִתְגַּבְּרוּ עַל עַצְמָם וּלְשַׁבְּרָם וּלְבַטְּלָם, וְעַל-יְדֵי-זֶה הוּא מַשְׁפִּיל רְשָׁעִים עֲדֵי אָרֶץ, כַּנַּ"ל:**

**ו וְלָבוֹא לְזֶה, לְהַפְרִישׁ וּלְהַבְדִּיל וּלְבַטֵּל הָרָע מֵהַטּוֹב, הוּא עַל-יְדֵי תּוֹרָה וּתְפִלָּה,**

ו

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין גֶעבְּן, ווִי אַזוֹי טַאקֶע קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק גָּמוּר, זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט אוּן אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס.

**וְלָבוֹא** לְזֶה אוּן צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם, לְהַפְרִישׁ וּלְהַבְדִּיל וּלְבַטֵּל הָרָע מֵהַטּוֹב צוּ אָפְּשֵׁיידְן אוּן אָפְּטֵיילְן דִי מִידוֹת וָואס זֶענֶען בַּיי אִים אוֹיסְגֶעמִישְׁט שְׁלֶעכְטְס מִיט גוּטְס, אוּן אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע פוּן דִי גוּטֶע; הוּא עַל יְדֵי תּוֹרָה וּתְפִלָּה דָאס אִיז דוּרְךְ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז), וָואס הָאט אַ אִיד צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט? נָאר דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען; אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה פוּן אַלֶע צַדִּיקִים, זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְט זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן נָאר מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין חָכְמוֹת, אוּן

אזוי זענען זיי ארויף אלץ העכער און העכער ביז זיי האבן זוכה געווען זיך אפצושיידן פון שלעכטס, און אפטיילן און ארויסנעמען די שלעכטס פון די גוטס, ביז זיי זענען נכלל געווארן אינעם אייבערשטן, עס האט זיי שטענדיג געשיינט די שם הוי"ה ברוך הוא, און זיי האבן שפאצירט אין אלע וועלטן מיט שמות און יחודים אזוי ווי מען שפאצירט אין א שיינע וואונדערליכע גארטן; און דער הייליגער רבי וויל דיך אויך צוברענגען צו די הויכע מדריגה, און אויב דו וועסט אננעמען די ווערטער פון הייליגן רבי'ן בתמימות ופשיטות, צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה און זיך מוסר נפש זיין צו דאווענען שחרית מנחה מעריב מיט מנין און מיט כוונה, און זיך מתבודד זיין, דאס הייסט זאלסט גיין אין א ליידיגע פלאץ וואו קיינער ווייסט נישט און דארט זאלסטו זיך אויסגיסן דיין הארץ צום אייבערשטן און וויינען צו אים טעג און יארן ער זאל רחמנות האבן אויף דיר, ער זאל דיך מקרב זיין צו אים, וועסטו אויך זוכה זיין צו אפקילן דיינע הייסע בלוט וואס דער יצר הרע ברענט אין דיר, און דו וועסט אויך זוכה זיין צו אפשיידן און אפטיילן די שלעכטס פון דאס גוטס, ביז דו וועסט נכלל ווערן אינעם אייבערשטן, וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק.

**ולמוד התורה יהיה ללון לעמקה של הלכה, היינו ללמד פוסקים. כי יש בהתורה אחיזת הטוב והרע, שנאחזין מבחינת**

**ולמוד** התורה יהיה און ווען מען לערנט תורה דארף מען בעיקר ללון לעמקה של הלכה לערנען גוט 'הלכה'; [דער פסוק זאגט (יהושע ח, ט): 'וילן יהושע בלילה ההוא בתוך העם', זאגן די הייליגע חכמים זכרונם לברכה (מגילה ג.): 'מלמד שלן בעומקה של הלכה', יהושע בן נון האט געלערנט הלכה], היינו ללמד פוסקים מען דארף לערנען שלחן ערוך צו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן, וואס מען מעג טון און וואס מען טאר נישט טון, און דעריבער האט דער הייליגער רבי אונז זייער אנגעזאגט אויף לערנען הלכה. אזוי ווי רבי נתן זאגט (שיחות הר"ן, סימן כט): 'על לימוד הפוסקים הזהיר רבינו ז"ל מאוד', 'וראוי ללמוד כל הד' חלקי שלחן ערוך מראשם ועד סופם כסדר', עס איז גוט צו לערנען גאנץ שלחן ערוך פון אנהויב ביזן ענדע, און אויב מען האט נישט די מעגליכקייט - זאל מען לערנען 'שלחן ערוך הקטנים', דאס מיינט מען מחבר און רמ"א, און ווען מען וועט ענדיגן אלע ד' חלקים פון שלחן ערוך זאל מען נאכאמאל אנהויבן לערנען, און אזוי זאל מען טון א גאנץ לעבן, ווייל דורך לערנען הלכה גייט ארויס די שלעכטס פון די גוטס, מען ווערט א צדיק.

**פארוואס** דורך לערנען הלכה קען מען אפטיילן און אוועקנעמען די שלעכטס פון די גוטס? כי יש בהתורה ווייל אין די תורה איז דא **אחיזת הטוב** זאכן וואס זענען גוט, זאכן וואס מען מעג טון און מען דארף טון, **והרע** און אויך שטייט אין די תורה זאכן וואס מען טאר נישט טון, דאס זענען די שלעכטע

**אִסּוּר וְהֶתֵּר, טָמֵא וְטָהוֹר, כָּשֵׁר וּפָסוּל, שֶׁיֵּשׁ בְּהַתּוֹרָה; וְכָל זְמַן שֶׁאֵינוֹ מְבָרֵר הַהֲלָכָה הוּא מְעֹרָב טוֹב וָרָע; וְעַל כֵּן אֵינוֹ יָכוֹל לְהַפְרִישׁ וּלְבַטֵּל הָרָע מֵהַטּוֹב, וְהוּא בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי י״א): "וְדֹרֵשׁ רָעָה תְבוֹאֶנּוּ"; עַד אֲשֶׁר הוּא מְעַיֵּן וּמְבָרֵר הַפְּסַק-הֲלָכָה וּמְבָרֵר הָאָסוּר וְהַמֻּתָּר וְכוּ',**

זַאכְן, שֶׁנֶּאֱחָזִין מִבְּחִינַת **אִסּוּר** וְהֶתֵּר עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס זֶענֶען אָסוּר צוּ טוּן, אוּן זַאכְן וָואס מֶען מֶעג טוּן, **טָמֵא** זַאכְן וָואס זֶענֶען טָמֵא וְטָהוֹר אוּן זַאכְן וָואס זֶענֶען טָהוֹר, כָּשֵׁר זַאכְן וָואס זֶענֶען כָּשֵׁר וּפָסוּל אוּן זַאכְן וָואס זֶענֶען פָּסוּל, שֶׁיֵּשׁ בְּהַתּוֹרָה דִי אַלֶע זַאכְן שְׁטֵייעֶן אִין דִי תּוֹרָה, וְכָל זְמַן שֶׁאֵינוֹ מְבָרֵר הַהֲלָכָה אוּן ווִילַאנְג מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעקְלָארְט וָואס דִי הֲלָכָה אִיז, הוּא מְעֹרָב טוֹב וָרָע אִיז דָאס אוֹיסְגֶעמִישְׁט גוּט מִיט שְׁלֶעכְט, מֶען ווֵייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען ווֵייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, מֶען ווֵייסְט נִישְׁט וָואס אִיז גוּט אוּן וָואס אִיז שְׁלֶעכְט, וְעַל כֵּן אוּן אַז מֶען ווֵייסְט נִישְׁט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן אֵינוֹ יָכוֹל לְהַפְרִישׁ קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּטֵיילְן וּלְבַטֵּל אוּן אַוֶועק נֶעמֶען הָרָע דִי שְׁלֶעכְטְס מֵהַטּוֹב פוּן דִי גוּטְס, מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אוֹיף זַאכְן וָואס זֶענֶען אָסוּר אַז דָאס אִיז מוּתָּר אוּן אַזוֹי ווַייטֶער, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעווֶען מֶען זָאל לֶערְנֶען הֲלָכָה אוּן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק רִיקְן פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן ווֶען מֶען הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה אוֹיף זַיינֶע סְפָרִים הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: 'אִיר מֶעגְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר ווִי אִיר ווִילְט', דָאס מֵיינְט, אִיר קֶענְט מְחַדֵּשׁ זַיין חִידּוּשִׁים, אָבֶער מִיט אֵיין תְּנַאי, 'נִישְׁט אַוֶועק גֵיין אֲפִילוּ פוּן אַ קְלֵיינֶע סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ', ווַייל נָאר מִיט הֲלָכָה קֶען מֶען אָפְּטֵיילְן דָאס שְׁלֶעכְטְס פוּן דָאס גוּטְס, **וְהוּא בִּבְחִינַת** אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי י״א, כז): 'וְדֹרֵשׁ רָעָה' דֶער וָואס זוּכְט צוּ טוּן שְׁלֶעכְטְס פַאר אַנְדֶערֶע, 'תְּבוֹאֶנּוּ' ווֶעט קוּמֶען צוּ אִים דִי שְׁלֶעכְטְס; דֶער רֶבִּי זָאגְט נָאךְ אַ פְּשַׁט, 'וְדוֹרֵשׁ רָעָה' דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט דִי שְׁלֶעכְטְס, דָאס הֵייסְט עֶר נֶעמְט נִישְׁט אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטְס, עֶר אִיז נִישְׁט מְבָרֵר 'שְׁמַעְתְּתָא אַלִּיבָּא דְּהִלְכְתָא', מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מִיט דִי כַּוָּונָה צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מֶען זָאל זִיךְ פִירְן, 'תְּבוֹאֶנּוּ' ווֶעט דִי שְׁלֶעכְטְס קוּמֶען צוּ אִים, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דַרְשְׁ'עֶנֶען דֶעם פָּסוּק אוֹיף דוֹאֵג אוּן אֲחִיתֹפֶל (מִדְרָשׁ תְּהִלִּים א, א), וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעווֶען אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דִי תּוֹרָה אַ ווֶעג ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קֵיין הֲלָכָה, דֶערִיבֶּער - 'נֶעֶקְרוּ מִן הָעוֹלָם' זֶענֶען זֵיי אוֹיסְגֶערִיסְן גֶעווָארְן פוּן דִי ווֶעלְט.

**מֶען** דַארְף לֶערְנֶען אוֹיף אַ ווֶעג צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, **עַד אֲשֶׁר הוּא** מְעַיֵּן וּמְבָרֵר הַפְּסַק הֲלָכָה אוֹיסְקְלָארְן אוּן נָאכְקוּקְן וָואס אִיז דִי הֲלָכָה, וּמְבָרֵר הָאָסוּר וְהַמֻּתָּר וְכוּ' אוּן זַיין קְלָאר וָואס אִיז מוּתָּר צוּ טוּן אוּן וָואס אִיז אָסוּר צוּ טוּן, וָואס

דְּהַיְנוּ עַל־יְדֵי לִמּוּד פּוֹסְקִים, אֲנִי מַפְרִישׁ הַטּוֹב מֵהָרָע. אַךְ לִזְכּוֹת לְזֶה הַשֵּׂכֶל, שֶׁיּוּכַל לָלוּן לְעָמְקָהּ שֶׁל הֲלָכָה, הוּא עַל־יְדֵי תְּפִלָּה, כִּי מִשָּׁם נִמְשָׁךְ הַשֵּׂכֶל:

ז וְהָעִנְיָן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּתִקּוּנֵי־זֹהַר (תִּקּוּן י"ד, כט:): 'גַּן — דָּא אוֹרַיְתָא', כִּי הַתּוֹרָה נִקְרֵאת גַּן, וְנִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל הַמְעַיְּנִים וּמְבִינִים בְּהַתּוֹרָה הֵם בִּבְחִינַת עֲשָׂבִין וּדְשָׁאִין דְּאִתְרַבִּיאוּ בַּגָּן.

איז טָמֵא און וואס איז רֵיין, וָואס איז כָּשֵׁר און וָואס איז פָּסוּל, דְּהַיְנוּ עַל יְדֵי לִמּוּד פּוֹסְקִים דורךְ לֶערְנֶען הֲלָכָה **אֲנִי מַפְרִישׁ הַטּוֹב מֵהָרָע** טֵיילְט עֶר אָפּ די גוּטְס פון די שְׁלֶעכְטְס; דֶערְפַאר זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ח.): 'מִיּוֹם שֶׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ' פון די טָאג פוּנֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, 'אֵין לוֹ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּעוֹלָמוֹ' הָאט נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אויף די וֶועלְט, 'אֶלָּא ד' אַמּוֹת שֶׁל הֲלָכָה' נָאר די פְּלַאץ וואו מֶען לֶערְנְט הֲלָכָה; וַוייל דארְט וואו מֶען לֶערְנְט הֲלָכָה דָארְט קוּמְט די רוּחַ חַיִּים, דָארְט איז די שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, וַוייל דָארְט נֶעמְט מֶען אַוֶועק די שְׁלֶעכְטְס פון די גוּטְס און מֶען איז מַמְשִׁיךְ די רוּחַ חַיִּים פון די תּוֹרָה.

**אַךְ** לִזְכּוֹת לְזֶה הַשֵּׂכֶל אָבֶער ווי אַזוֹי איז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְן די שֵׂכֶל שֶׁיּוּכַל לָלוּן לְעָמְקָהּ שֶׁל הֲלָכָה צוּ קֶענֶען צוּטְרֶעפְן צוּם אֱמֶת, וִויסְן וָואס איז מוּתָּר און וָואס איז אָסוּר? הוּא עַל יְדֵי תְּפִלָּה דָאס איז דורךְ תְּפִלָּה, כִּי מִשָּׁם נִמְשָׁךְ הַשֵּׂכֶל וָואס פון דָארְט קוּמְט די שֵׂכֶל, וַוייל דורְכְדֶעם וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען בַּאקוּמְט אַ רֵיינֶעם שֵׂכֶל און אַ קְלָארֶע מֹחַ צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ קְלָארֶע פְּסַק וָואס די הֲלָכָה איז, און זיך אָפְּטֵיילְן פון שְׁלֶעכְטְס און צִיעֶן צוּ זיךְ די רוּחַ חַיִּים פוּנֶעם צַדִּיק.

ז **דֶער** רֶבִּי גֵייט יֶעצְט מַסְבִּיר זַיין, וָואס הָאט תְּפִלָּה צוּ טוּן מִיט גְרוֹיס מַאכְן די שֵׂכֶל צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּקְלָארְן אַ 'הֲלָכָה'.

**וְהָעִנְיָן** די זַאךְ איז כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּתִקּוּנֵי זֹהַר אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אין הֵיילִיגְן תִּיקוּנֵי זוֹהַר (תִּקּוּן י"ד, כט:): 'גַּן דָּא אוֹרַיְתָא' דֶער גָארְטְן מֵיינְט מֶען די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, כִּי הַתּוֹרָה וַוייל די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה 'תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב' - נִקְרֵאת גַּן וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'גַן'. די וָוארְט גַן, איז בְּגִימַטְרִיָּא דְרֵיי און פוּפְצִיג (53), און אין די תּוֹרָה איז דָא דְרֵיי און פוּפְצִיג פַּרְשִׁיּוֹת, וְנִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל און אִידִישֶׁע קִינְדֶער הַמְעַיְּנִים וּמְבִינִים בְּהַתּוֹרָה וָואס לֶערְנֶען און פַארְשְׁטֵייעֶן די תּוֹרָה, דורךְ די 'תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה' וָואס איז מַסְבִּיר די תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב - הֵם בִּבְחִינַת זֵיי זֶענֶען אַזוֹי ווי עֲשָׂבִין וּדְשָׁאִין די גְרָאזֶעלֶעךְ און קְרֵייטֶעכְצֶער, דְּאִתְרַבִּיאוּ בַּגָּן וָואס וואקְסְן אִינֶעם גָארְטְן. און אַזוֹי ווי אין אַ גָארְטְן קֶען נָאר וַואקְסְן אוֹיב מֶען טְרִינְקְט אָן די גָארְטְן מִיט וַואסֶער, אַזוֹי אויךְ דַארְף די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און די אִידְן וָואס לֶערְנֶען די תּוֹרָה - וָואס איז צוגֶעגְלִיכְן צוּ אַ גָארְטְן און צוּ גְרָאזֶעלֶעךְ - אויךְ הָאבְן וַואסֶער, אוֹיב אַזוֹי - פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר - (תִּיקוּנִים, שָׁם): וּמֵאַיִן הֵם גְּדֵלִים פון

**וּמֵאַיִן הֵם גְּדֵלִים? הוּא מִמַּעְיָן, דָּא חָכְמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שִׁיר־הַשִּׁירִים ד): "מַעְיַן גַּנִּים". וּמֵהֵיכָן מְקַבְּלִין הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁהוּא בְּחִינַת הַמַּעְיָן? הוּא מֵהַתְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יוֹאֵל ד): "וּמַעְיָן מִבֵּית ה' יֵצֵא" — הוּא הַתְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ נ"ו): "כִּי בֵיתִי בֵּית תְּפִלָּה". וְהוּא בְּחִינַת מֵבִיא מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל.**

וואו וואקסן די נְשָׁמוֹת? 'וּמָאן אַשְׁקֵי וְרַבֵּי בָהּ אִלָנִין וְעִשְׂבִּין וְדִשְׁאִין' ווער טְרִינְקְט זֵיי אָן? ענְטְפֶערְט דער זוהַר: **הוּא מִמַּעְיָן** דָאס איז דורך די קְוואל, **דָּא חָכְמָה** דָאס איז די חָכְמָה, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אין פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד, ט): **'מַעְיַן גַּנִּים'** די קְוואל פונעם גָארְטְן, דָאס הֵייסְט די קְוואל וָואס איז מְרַמֵּז אויף חָכְמָה, טְרִינְקְט אָן דעם גָארְטְן; דָאס מֵיינְט וֶוען דער מֶענְטְש איז זוֹכֶה צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען ער וואקסן און שְׁפְּרָאצְן רִיכְטִיג - מיט די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

[דער רֶבִּי וַוייזְט אונז די וֶועג, ווי אַזוֹי מען איז זוֹכֶה צוּ קֶענֶען מְבָרֵר זַיין אַ הֲלָכָה און אַזוֹי קֶענֶען אָפְּטֵיילְן און מְבַטֵּל זַיין די שְׁלֶעכְטְס פון דָאס גוּטְס, דָאס גֵייט מיט אַפָּאר שְׁטַאפְּלֶען. עֶרְשְׁטְנְס, עֶס איז דָא אַ גָארְטְן, דָאס איז 'תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב'. אינעם גָארְטְן זֶענֶען דָא די צַדִּיקִים וָואס דַּרְשְׁ'עֶנֶען די תּוֹרָה וָואס דָאס איז די 'תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה', בִּיז מען איז מְבָרֵר שְׁמַעְתְּתָא אַלִּיבָּא דְּהִלְכְתָא, צוּצוּקוּמֶען לָלוּן בְּעוּמְקָהּ שֶׁל הֲלָכָה, צוּ פַארְשְׁטֵיין גוּט די 'הֲלָכָה'; אָבֶּער דָאס אַלֶעס מוּז גֵיין מִיטְן קְוואל, מען דַארְף וויסְן אַז אין יֶעדֶע זַאךְ איז בַּאהַאלְטְן סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, וָואס דָאס איז 'חָכְמָה', און אויב חַס וְשָׁלוֹם מען קוּקְט אָן די תּוֹרָה נָאר פָּשׁוּט, בְּאוֹפֶן פְּשַׁט - זָאגְט דער הֵיילִיגֶער זוהַר (תִּיקוּנִים, תִּיקוּן מג, דַף פב.): 'כְּאִלּוּ הוּא יְסַלֵּק' איז דָאס אַזוֹי ווי ער נֶעמְט אַוֶועק 'נְבִיעוּ מֵהַהוּא נָהָר וּמֵהַהוּא גַן' די קְוואל פונעם גָארְטְן, דָאס מֵיינְט מען די שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה].

**וּמֵהֵיכָן מְקַבְּלִין הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל** און ווי אַזוֹי איז מען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען חָכְמָה און שֵׂכֶל, אַז דָאס לֶערְנֶען זָאל זַיין צוּגֶעבִּינְדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **שֶׁהוּא בְּחִינַת הַמַּעְיָן** וָואס איז ווי אַ קְוואל וָואס טְרִינְקְט אָן די גָארְטְן, אַז די תּוֹרָה זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין טְרִיקֶענֶע תּוֹרָה, נָאר דָאס לֶערְנֶען זָאל זַיין אָנְגֶעטְרוּנְקֶען מיט חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ? **הוּא מֵהַתְּפִלָּה** דָאס בַּאקוּמְט מען דורך תְּפִלָּה. **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אין פָּסוּק (יוֹאֵל ד, יח): **'וּמַעְיָן'** און אַ קְוואל, דָאס מֵיינְט די חָכְמָה - **'מִבֵּית ה' יֵצֵא'** וועט אַרוֹיסְגֵיין פונעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, **הוּא הַתְּפִלָּה** וָואס די בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז מְרַמֵּז אויף תְּפִלָּה - דַאוֶּוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל חָכְמָה בַּאקוּמְט מען פון תְּפִלָּה, וָואס תְּפִלָּה קוּמְט פון די הויז פונעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ נ"ו, ז): **'כִּי בֵיתִי'** וַוייל מַיין הויז **'בֵּית תְּפִלָּה'** איז אַ הויז פון דַאוֶּוענֶען; וַוייל דורך תְּפִלָּה, דורך בֶּעטְן דעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - איז מען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ רֵיינֶע מֹחַ, מען הויבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין אַלֶע סוֹדוֹת וָואס לִיגְט

באהאלטן אין די הייליגע תּוֹרָה, **וְהוּא בְּחִינַת** און אַזוֹי איז מען זוֹכֶה **מֵבִיא מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל** צו ווערן אַן ערליכער איד, ווייל דורך די צוויי זאכן, אַז מען לערנט און מען בעט דעם אייבערשטן מען זאל זוֹכֶה זיין צו פארשטיין דאס לערנען און מְקַיֵּים זיין וואס מען לערנט – איז מען זוֹכֶה צו באקומען א ריינע מֹחַ מַחֲשָׁבָה און אַזוֹי קען מען שפאצירן אינעם גארטן, לערנען תּוֹרָה און מְחַדֵּשׁ זיין חִדּוּשִׁים אין די תּוֹרָה, ביז מען קומט צו מְבָרֵר זיין הֲלָכָה און צו ארויסנעמען די שלעכטס פון דאס גוטס, ווייל דורך די צוויי זאכן, תּוֹרָה און תְּפִלָּה – קען מען זוֹכֶה זיין אפצוטיילן די שלעכטס פון דאס גוטס.

**דער** רבי איז אונז מְגַלֶּה ווי אַזוֹי מען קען זוֹכֶה זיין צו קומען צו די הויכע מַדְרֵיגָה פון ווערן א צַדִּיק גָּמוּר, אויסארבעטן אלע שלעכטע מידות פון די פיר יְסוֹדוֹת, דאס איז דורך תְּפִלָּה, דורך בעטן דעם אייבערשטן. **כִּי תְּפִלָּה** ווייל ווען א מענטש דאווענט **הוּא בְּחִינַת חִדּוּשׁ הָעוֹלָם** איז דאס אַזוֹי ווי ער באשאפט א נייע וועלט, **כִּי תְּפִלָּה** ווייל ווען מען דאווענט צום אייבערשטן, מען בעט אים ער זאל העלפן – **הוּא שֶׁמַּאֲמִין** איז דאס א באווייז אז דער מענטש גלייבט **שֶׁיֵּשׁ מְחַדֵּשׁ** אז דער אייבערשטער קען מאכן נייע זאכן, **אֲשֶׁר בְּיָדוֹ** און אין זיינע הענט ליגט די כֹּחַ **לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹנוֹ** צו טון וואס ער וויל, דאס הייסט **לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע** ער קען פארענדערן די נאטור פון די וועלט, און נאר צוליב דעם דאווענט ער צום אייבערשטן, ווייל ער גלייבט אז דער אייבערשטער איז אַלֶעס, דער אייבערשטער איז באהאלטן אין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר, אַלֶעס איז ער, און אז מען בעט אים העלפט ער, **וְהוּא בְּחִינוֹת** און דאס מיינט **בְּרִיאָה בְּכֹחַ** אז דער אייבערשטער איז בְּכֹחַ צו באשאפן אַלֶעס פונדאסניי, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (תְּהִלִּים ק"ד, כד): **'כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ'** אַלֶעס האט דער אייבערשטער געמאכט מיט חָכְמָה, **שֶׁהוּא בְּחִינַת הַתְּפִלָּה** דאס איז דער געדאנק פון תְּפִלָּה, מען ווייסט אז אַלֶעס איז דער אייבערשטער, **שֶׁמִּשָּׁם יוֹצֵא מַעְיַן הַחָכְמָה** און דורך בעטן דעם אייבערשטן גייט ארויס די קוואל פון חָכְמָה, מען איז זוֹכֶה צו פארשטיין אז אַלֶעס איז דער אייבערשטער, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווי אויבן אויסגעשמועסט, אָבער פון דאווענען אָן לערנען תּוֹרָה – ווייסט מען נאך גארנישט, פון דאווענען ווייסט מען נישט ווי אַזוֹי זיך צו פירן, דעריבער דארף מען אויך לערנען תּוֹרָה.

**וְהַתּוֹרָה** און די תּוֹרָה **הִיא בְּחִינַת** ווייזט אונז **בְּרִיאָה בְּפֹעַל** אז דער אייבערשטער האט אַלֶעס באשאפן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (מִשְׁלֵי

**כִּי תְּפִלָּה הוּא בְּחִינַת חִדּוּשׁ הָעוֹלָם, כִּי תְּפִלָּה הוּא שֶׁמַּאֲמִין שֶׁיֵּשׁ מְחַדֵּשׁ אֲשֶׁר בְּיָדוֹ לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹנוֹ לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע, וְהוּא בְּחִינוֹת בְּרִיאָה בְּכֹחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (תְּהִלִּים ק"ד)**: "כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ", שֶׁהוּא בְּחִינַת הַתְּפִלָּה שֶׁמִּשָּׁם יוֹצֵא מַעְיַן הַחָכְמָה כַּנַּ"ל; וְהַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת בְּרִיאָה בְּפֹעַל, כְּמוֹ**

שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי ח): "וָאֶהְיֶה אֶצְלוֹ אָמוֹן" — אָמָּן, לְשׁוֹן פּוֹעֵל, כִּי בְּהַתּוֹרָה נִבְרָא הָעוֹלָם. וּכְשֶׁמִּתְפַּלֵּל עַל אֵיזֶה דָבָר, הוּא בְּחִינַת חִדּוּשׁ הָעוֹלָם וְהוּא בְּחִינַת בְּרִיאָה בְּכֹחַ, וְהוּא בְּחִינַת הִתְעוֹרְרוּת הַחָכְמָה שֶׁהוּא בַּתְּפִלָּה, כַּנִּזְכָּר לְעֵיל: "וּמַעְיָן מִבֵּית ה' יֵצֵא", זֶה הַתְּפִלָּה, כִּי שָׁם נִתְעוֹרֵר הַחָכְמָה כַּנַּ"ל, וּמִשָּׁם נִמְשָׁךְ הַמַּעְיָן הוּא הַחָכְמָה אֶל הַתּוֹרָה, וְשָׁם יוֹצֵא אֶל הַפֹּעַל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי ב): "מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה", כִּי בְּהַתּוֹרָה הוּא הִתְגַּלּוּת הַחָכְמָה, וְעַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה מַעְיָן גַּנִּים,

ח, ל): 'וָאֶהְיֶה אֶצְלוֹ אָמוֹן' אִיךְ - תּוֹרָה - בִּין גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעהָאדֶעוֶועט בַּיים אייבערשטן, און די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, א) דַּרְשְׁ'עֶנֶען אויף דעם ווָארט 'אָמוֹן' אַז מֶען קֶען עֶס אויך לֵיינֶען אָמָּן, 'הַתּוֹרָה אוֹמֶרֶת' די תּוֹרָה זָאגְט, 'אֲנִי הָיִיתִי' אִיךְ בִּין גֶעוֶוען, 'כְּלִי אֻמָּנוּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא', די כֵּלִי מִיט וָואס דֶער אייבערשטער הָאט בַּאשַׁאפְן די וֶועלְט, לְשׁוֹן פּוֹעֵל א לָשׁוֹן פוּן טוּן און בַּאשַׁאפְן, כִּי בְּהַתּוֹרָה נִבְרָא הָעוֹלָם ווייל מִיט די תּוֹרָה הָאט דֶער אייבערשטער בַּאשַׁאפְן די וֶועלְט, וּכְשֶׁמִּתְפַּלֵּל עַל אֵיזֶה דָּבָר און ווען מֶען דַאוֶוענְט צוּם אייבערשטן אויף א זאךְ, הוּא בְּחִינַת דאס ווייזט חִדּוּשׁ הָעוֹלָם אויף בַּאנַייעֶן די וֶועלְט, ווייל מִיט דֶעם וָואס עֶר דַאוֶוענְט צוּם אייבערשטן ווייזט עֶר אַז דֶער אייבערשטער הָאט די כֹּחַ צוּ בַּאשַׁאפְן א וֶועלְט פוּן נֵיי, וְהוּא בְּחִינַת בְּרִיאָה בְּכֹחַ מִיט דֶעם גֶעבְּט עֶר די כֹּחַ פַארְן אייבערשטן, עֶר ווייזט אַז דֶער אייבערשטער אִיז בְּכֹחַ צוּ בַּאשַׁאפְן אַ וֶועלְט, וְהוּא בְּחִינַת הִתְעוֹרְרוּת הַחָכְמָה שֶׁהוּא בַּתְּפִלָּה און מִיט דֶעם ווערט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אייבערשטער, כַּנִּזְכָּר לְעֵיל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט: 'וּמַעְיָן' און אַ קְוָואל, 'מִבֵּית ה' יֵצֵא' גֵייט אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, זֶה הַתְּפִלָּה דָאס אִיז תְּפִלָּה. כִּי שָׁם ווייל דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אייבערשטן - נִתְעוֹרֵר הַחָכְמָה עֶפְנְט זִיךְ אויף די מֹחַ, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אויף די וֶועלְט, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. וּמִשָּׁם און דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אייבערשטן, נִמְשָׁךְ הַמַּעְיָן צִיט זִיךְ די קְוָואל הוּא הַחָכְמָה וָואס דָאס אִיז די חָכְמָה - אֶל הַתּוֹרָה צוּ די תּוֹרָה, וְשָׁם יוֹצֵא אֶל הַפֹּעַל בִּיז מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען און מֶען ווייסט וָואס די הֲלָכָה אִיז, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ב, ו): 'מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה' [פוּן זַיין מוֹיל אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן די ווִיסְנְשַׁאפְט און פַארְשְׁטַאנְד], דֶער רֶבִּי זָאגְט נָאךְ אַ וֶועג, כִּי בְּהַתּוֹרָה ווייל אִין די תּוֹרָה הוּא הִתְגַּלּוּת הַחָכְמָה טְרֶעפְט מֶען דֶעם אייבערשטן, וְעַל יְדֵי זֶה און דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אייבערשטן, נַעֲשֶׂה מַעְיָן גַּנִּים ווערט אַ קְוָואל פַאר די גָארְטְן,

שֶׁהַמַּעְיָן מַשְׁקֶה הַגָּן, וְעַל־יְדֵי־זֶה אִתְרְבִיאוּ עֲשָׂבִין וּדְשָׁאִין כַּנַּ"ל.

**וְזֶהוּ** שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת לב:): 'הַמְעַיֵּן בִּתְפִלָּתוֹ **בָּא** לִידֵי כְּאֵב לֵב' וְכוּ', שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי י"ג): "תּוֹחֶלֶת מְמֻשָּׁכָה מַחֲלַת לֵב". מַאי תַּקַּנְתֵּהּ? יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה, שֶׁנֶּאֱמַר: (שָׁם) "וְעֵץ חַיִּים תַּאֲוָה בָאָה". זֶהוּ שֶׁאָמַרְנוּ, כִּי בְּהַתְּפִלָּה עֲדַיִן הוּא בְּכֹחַ וְאֵינוֹ יוֹצֵא **אֶל** הַפֹּעַל, עַד **שֶׁבָּא אֶל** הַתּוֹרָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת בְּרִיאָה בְּפֹעַל, וַאֲזַי נַעֲשֶׂה בַּקָּשָׁתוֹ, עַל־יְדֵי **שֶׁיּוֹצֵא** מִכֹּחַ **אֶל** הַפֹּעַל.

שֶׁהַמַּעְיָן מַשְׁקֶה הַגָּן אַז דער קוואל טרינקט אן די גארטן, דאס הייסט מען הויבט אן פארשטיין די הייליגע תורה, וְעַל יְדֵי זֶה און דורכדעם **אִתְרְבִיאוּ** וואקסן עֲשָׂבִין וּדְשָׁאִין די גראזלעך און קרייטאכץ; מען איז זוכה צו פארשטיין גוט דאס לערנען און קענען מברר זיין שְׁמַעְתְּתָא אַלִּיבָּא דְּהִלְכְתָא, און מְחַדֵּשׁ זיין חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה לְפִי הָאֱמֶת, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אויבן אויסגעשמועסט.

**וְזֶהוּ** מיט דעם קען מען פארשטיין שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וואס די הייליגע חֲכָמִים זאגן (בְּרָכוֹת לב:): 'הַמְעַיֵּן בִּתְפִלָּתוֹ' ווער עס קוקט נאך זיינע תְּפִלּוֹת צו זען אויב ער ווערט געענטפערט, '**בָּא** לִידֵי כְּאֵב לֵב' וועט ער קומען צו הארץ ווייטאג, וְכוּ', ער ווערט אנטוישט אז די תְּפִלּוֹת זענען נאכנישט אנגענומען געווארן, שֶׁנֶּאֱמַר אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (מִשְׁלֵי י"ג, יב): 'תּוֹחֶלֶת מְמֻשָּׁכָה' א לאנגע ערווארטונג 'מַחֲלַת לֵב' ברענגט הארץ ווייטאג, פרעגט די גְּמָרָא: **מַאי תַּקַּנְתֵּהּ** וואס איז די עֵצָה אַז די תְּפִלּוֹת זאלן יא אנגענומען ווערן? יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה ער זאל לערנען די הייליגע תּוֹרָה, שֶׁנֶּאֱמַר אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (שָׁם): 'וְעֵץ חַיִּים' און די לעבעדיגע בוים - דאס מיינט מען דורך לערנען תּוֹרָה וואס איז ווי א בוים וואס גיבט לעבן - '**תַּאֲוָה בָאָה**' באקומט מען אלעס וואס מען גליסט, עס ווערן אנגענומען די בַּקָּשׁוֹת, טייטשט דער רבי: **זֶהוּ שֶׁאָמַרְנוּ** דאס איז וואס מיר האבן יעצט געזאגט, **כִּי בְּהַתְּפִלָּה** ווייל ווען מען דאווענט פועל'ט מען נאכנישט אינגאנצן, ווייל די זאכן וואס מען וויל באקומען **עֲדַיִן הוּא בְּכֹחַ** איז נאר בְּכֹחַ, מען קען עס באקומען, **וְאֵינוֹ יוֹצֵא אֶל הַפֹּעַל** אבער עס איז נאכנישט דא בְּפוֹעֵל, **עַד שֶׁבָּא אֶל הַתּוֹרָה** ביז מען קומט צו לערנען תּוֹרָה, **שֶׁהִיא בְּחִינַת בְּרִיאָה בְּפֹעַל** וואס די תּוֹרָה באשאפט אין ווירקליכקייט די בַּקָּשׁוֹת וואס מען האט געבעטן, **וַאֲזַי נַעֲשֶׂה בַּקָּשָׁתוֹ** און די בַּקָּשׁוֹת וואס מען האט געבעטן ווערן אנגענומען עַל יְדֵי דורכדעם **שֶׁיּוֹצֵא** וואס עס גייט ארויס **מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל** פון כֹּחַ צו פּוֹעֵל דורך די תּוֹרָה; אַזוֹי בינדט מען צאם די תּוֹרָה מיטן אייבערשטן און מען איז זוכה צו קענען לערנען הֲלָכָה, זיין קלאר ווי אַזוֹי זיך צו פירן; דורך תְּפִלָּה עפנט זיך די שֵׂכֶל, ביז מען איז זוכה צו שפירן דעם אייבערשטן.

**וְהַיְנוּ דִּכְתִיב: וְנָהָר יֹצֵא מֵעֵדֶן לְהַשְׁקוֹת אֶת הַגָּן, וּמִשָּׁם יִפָּרֵד וְהָיָה לְאַרְבָּעָה רָאשִׁים. עֵדֶן — הוּא בְּחִינַת הַתְּפִלָּה, כִּי עֵדֶן "עַיִן לֹא רָאֲתָה", כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת לד:), שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת תְּפִלָּה שֶׁהוּא לְמַעְלָה מִן הַטֶּבַע, כִּי עַל־יְדֵי תְּפִלָּה מְשַׁנֶּה הַטֶּבַע כַּנַּ"ל [שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת עֵדֶן "עַיִן לֹא רָאֲתָה", כִּי לְמַעְלָה מֵהַטֶּבַע אֵין לָנוּ שׁוּם תְּפִיסָא].**

**וְהַיְנוּ: וְנָהָר יֹצֵא מֵעֵדֶן — הַיְנוּ מֵהַתְּפִלָּה, כַּנַּ"ל: "וּמַעְיָן מִבֵּית ה' יֵצֵא"; לְהַשְׁקוֹת אֶת הַגָּן — הוּא הַתּוֹרָה כַּנַּ"ל, "מַעְיַן גַּנִּים".**

וְהַיְנוּ דִּכְתִיב אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, י): 'וְנָהָר יֹצֵא' אוּן אַ טַייךְ גֵייט אַרוֹיס, 'מֵעֵדֶן' פוּנֶעם פְּלַאץ 'עֵדֶן', 'לְהַשְׁקוֹת אֶת הַגָּן' אָנְצוּטְרִינְקֶען דֶעם גָארְטְן, 'וּמִשָּׁם יִפָּרֵד' אוּן פוּן דָארְט צֶעשֵׁיידְט עֶר זִיךְ, 'וְהָיָה לְאַרְבָּעָה רָאשִׁים' אוּן עֶס וֶוערְט דֶערְפוּן פִיר הוֹיפְּט טַייכְן, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי: 'עֵדֶן' דִי פְּלַאץ 'עֵדֶן' - הוּא בְּחִינַת הַתְּפִלָּה דָאס אִיז דִי זִיסֶע טַעַם וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כִּי עֵדֶן וַוייל 'עֵדֶן' אִיז אַ בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ סד, ג): 'עַיִן לֹא רָאֲתָה' קַיין שׁוּם אוֹיג הָאט דָאס נִישְׁט גֶעזֶען אוֹיסֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פְּרֶעגְן, וָואס אִיז דָאס וָואס דֶער נָבִיא זָאגְט: 'עַיִן לֹא רָאֲתָה' קַיין שׁוּם אוֹיג הָאט דָאס נִישְׁט גֶעזֶען אוֹיסֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? זָאגְט דִי גְּמָרָא (בְּרָכוֹת לד:): 'זֶה עֵדֶן שֶׁלֹּא שָׁלְטָה בּוֹ עַיִן כָּל בְּרִיָּה' דָאס אִיז דִי פְּלַאץ 'עֵדֶן' וָואס קַיין שׁוּם אוֹיג הָאט דָאס נִישְׁט גֶעזֶען, זָאגְט דֶער רֶבִּי, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת דָאס מֵיינְט מֶען תְּפִלָּה דַאוְוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שֶׁהוּא לְמַעְלָה מִן הַטֶּבַע וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן דִי טֶבַע, כִּי עַל יְדֵי תְּפִלָּה וַוייל וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאסִירְט וואוּנְדֶער, מְשַׁנֶּה הַטֶּבַע עֶס וֶוערְט פַארְעֶנְדֶערְט דִי נַאטוּר, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט [שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת עֵדֶן אַז דָאס אִיז דִי פְּלַאץ פוּן עֵדֶן, 'עַיִן לֹא רָאֲתָה' וָואס קַיין שׁוּם אוֹיג הָאט דָאס נִישְׁט גֶעזֶען אוֹיסֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, כִּי לְמַעְלָה מֵהַטֶּבַע וַוייל הֶעכֶער דִי טֶבַע אֵין לָנוּ שׁוּם תְּפִיסָא הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין שׁוּם הַשָּׂגָה, מִיר קֶענֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין].

וְהַיְנוּ אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'וְנָהָר יֹצֵא מֵעֵדֶן' [אוּן אַ טַייךְ גֵייט אַרוֹיס פוּנֶעם פְּלַאץ עֵדֶן], הַיְנוּ דִי טַייךְ וָואס בְּרֶענְגְט חָכְמָה גֵייט אַרוֹיס מֵהַתְּפִלָּה פוּן דַאוְוענֶען, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען מוֹחִין, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, 'וּמַעְיָן' אוּן אַ קְוָואל 'מִבֵּית ה' יֵצֵא' גֵייט אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דָאס אִיז תְּפִלָּה, 'לְהַשְׁקוֹת אֶת הַגָּן' [אָנְצוּטְרִינְקֶען דֶעם גָארְטְן], הוּא הַתּוֹרָה דָאס מֵיינְט מֶען דִי תּוֹרָה, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, 'מַעְיַן גַּנִּים' דִי קְוָואל

וְכַאֲשֶׁר נִמְשָׁךְ מַעְיַן הַחָכְמָה מֵהַתְּפִלָּה אֶל הַגָּן שֶׁהוּא הַתּוֹרָה, אֲזַי אִתְרְבִיאוּ עֲשָׂבִין וּדְשָׁאִין — נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, כְּלוֹמַר שֶׁגְּדֵלִים בְּהַגָּן וּמְבִינִים וּמַשְׂכִּילִים בְּהַתּוֹרָה, וַאֲזַי זוֹכֶה לָלוּן בְּעָמְקָהּ שֶׁל הֲלָכָה לְבָרֵר הַדִּין, הָאָסוּר וְהַמֻּתָּר, הַטָּהוֹר וְכוּ', וּבָזֶה מַפְרִישׁ הַטּוֹב מֵהָרָע כַּנַּ"ל.

וְזֶהוּ: וּמִשָּׁם יִפָּרֵד, כִּי עַל-יְדֵי-זֶה נִפְרָד הָרָע מֵהָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת וְלֹא נִשְׁאָר רַק הַטּוֹב, וַאֲזַי: וְהָיָה לְאַרְבָּעָה רָאשִׁים — הֵם אַרְבַּע אוֹתִיּוֹת הֲוָיָ"ה, שֶׁהֵם שֹׁרֶשׁ הַטּוֹב שֶׁל הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת כַּנַּ"ל:

וָואס טְרִינְקְט אִין דִי גָארְטְן, וְכַאֲשֶׁר נִמְשָׁךְ מַעְיַן הַחָכְמָה מֵהַתְּפִלָּה אֶל הַגָּן שֶׁהוּא הַתּוֹרָה און וְוען מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין דִי סוֹדוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲזַי אִתְרְבִיאוּ עֲשָׂבִין וּדְשָׁאִין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל דֶעמָאלְט הוֹיבְּן אָן וַואקְסְן דִי גְרָאז אִינֶעם גָארְטְן, דָאס מֵיינְט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, כְּלוֹמַר דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן שֶׁגְּדֵלִים בְּהַגָּן וּמְבִינִים וּמַשְׂכִּילִים בְּהַתּוֹרָה אַז מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַאֲזַי זוֹכֶה און אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה - לָלוּן בְּעָמְקָהּ שֶׁל הֲלָכָה צוּ לֶערְנֶען גוּט הֲלָכָה, לְבָרֵר הַדִּין צוּ אוֹיסְקְלָארְן דִי הֲלָכָה הָאָסוּר וְהַמֻּתָּר וָואס מֶען מֶעג יָא טוּן און וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, הַטָּהוֹר וָואס אִיז רֵיין וְכוּ' און אַזוֹי וַוייטֶער, וּבָזֶה מַפְרִישׁ הַטּוֹב מֵהָרָע און אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה אָפְּצוּטֵיילְן דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דָאס גוּטְס, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

וְזֶהוּ און דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק: 'וּמִשָּׁם יִפָּרֵד' [און פוּן דָארְט צֶעשֵׁיידְט עֶר זִיךְ], כִּי עַל יְדֵי זֶה וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר טְרִינְקְט אָן דֶעם גָארְטְן, נִפְרָד הָרָע וֶוערְט אָפְּגֶעטֵיילְט דִי שְׁלֶעכְטְס מֵהָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת פוּן דִי פִיר יְסוֹדוֹת, וְלֹא נִשְׁאָר רַק הַטּוֹב און עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאר דָאס גוּטְס, וַאֲזַי דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וָואס עֶס שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק: 'וְהָיָה לְאַרְבָּעָה רָאשִׁים' [און עֶס וֶוערְט דֶערְפוּן פִיר הוֹיפְּט טַייכְן], הֵם דָאס זֶענֶען אַרְבַּע אוֹתִיּוֹת הֲוָיָ"ה דִי פִיר אוֹתִיּוֹת פוּן שֵׁם הֲוָיָ"ה, שֶׁהֵם שֹׁרֶשׁ הַטּוֹב שֶׁל הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת וָואס דָאס אִיז דִי גוּטֶע וָוארְצְל פוּן וואו דִי פִיר יְסוֹדוֹת קוּמֶען, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

[דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'וְנָהָר יוֹצֵא מֵעֵדֶן', דוּרְכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר זוֹכֶה אַז זַיין מֹחַ וֶוערְט וִוי אַ פְלִיסִיגֶע טַייךְ וָואס טְרִינְקְט אָן דִי גָארְטְן - דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין דִי סוֹדוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, און אַזוֹי הוֹיבְּן אָן וַואקְסְן גְרָאז און בֵּיימֶער, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין חִידּוּשִׁים, בִּיז מֶען קוּמְט צוּ 'וּמִשָּׁם יִפָּרֵד' אַז עֶס טֵיילְט זִיךְ אָפּ דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דָאס גוּטְס פוּן דִי 'אַרְבָּעָה רָאשִׁים' - דִי פִיר יְסוֹדוֹת, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ הֵיילִיגֶע גֵייסְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און

צו אונטערטעניגן די שטארקע גייסט פון די רשעים וואס נעמען זייער גייסט פון די סטרא אחרא].

**יעצט** גייט דער רבי צולייגן אז די 'רוח חיים' וואס מען איז מקבל ביים צדיק, איז מרומז אין די הייליגע מצוה פון ציצית.

**ח וְזֶהוּ בְּחִינוֹת אַרְבַּע צִיצִית, כִּי אַרְבַּע צִיצִית הֵם בְּחִינַת הָרוּחַ-חַיִּים, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב** (יחזקאל ל"ז): **"כֹּה אָמַר ה' מֵאַרְבַּע רוּחוֹת בֹּאִי הָרוּחַ", שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה מַכְנִיעִין הָרוּחַ-סְעָרָה, שֶׁהוּא הָרוּחַ שֶׁל הַמִּתְנַגְּדִים הַחוֹלְקִים עַל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, שֶׁמַּמְשִׁיכִין אֲרִיכַת הָרוּחַ שֶׁלָּהֶם מֵהָרַב דִּקְלִפָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֵשָׂו אִישׁ שָׂעִיר**

**ח וזהו בחינות** און דאס איז מרומז **ארבע ציצית** אין די מצוה פון ציצית, **כי ארבע ציצית** ווייל די ציצית וואס מען לייגט אויף די פיר עקן קלייד, איז אזוי גרויס, **הם בחינת** דורך די מצוה באקומט מען **הרוח חיים** א לעבעדיגע גייסט, מען הויבט אן שפירן דעם אייבערשטן, און דאס איז וואס די הייליגע חכמים זכרונם לברכה זאגן (נדרים כה.): 'שקולה מצות ציצית כנגד כל התורה כולה' די מצוה פון ציצית איז אזוי גרויס, מען רעכנט דעם מענטש כאילו ער האט מקיים געווען די גאנצע תורה; ווייל אין די תורה ליגט די לעבעדיגע גייסט כביכול פונעם אייבערשטן, וואס דאס באקומט מען דורך די מצוה פון ציצית. דער רבי ברענגט א ראי' אז די ציצית ברענגט א רוח חיים אויפן מענטש, ווייל די מצוה פון ציצית איז אויף די פיר עקן פון די קלייד, אזוי ווי די פיר זייטן פון די וועלט וואס זענען אנטקעגן די פיר אותיות פונעם אייבערשטנ'ס נאמען י - ק - ו - ק **וכמו שכתוב** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, ווען יחזקאל הנביא האט מחיה מתים געווען (יחזקאל ל"ז, ט): **'כה אמר ה'** אזוי זאגט דער אייבערשטער, **'מארבע רוחות'** פון די פיר זייטן פון די וועלט, (וואס דאס איז אויך מרמז אויף די מצוה פון ציצית וואס איז אויף די פיר עקן פון די קלייד, אזוי ווי די פיר זייטן פון די וועלט) - **'באי הרוח'** וועט קומען דער לעבעדיגער גייסט, און די טויטע וועלן זיך אויפוועקן, **שעל ידי זה** ווייל דורך די מצוה פון ציצית **מכניעין** טוט מען אונטערטעניגן **הרוח סערה** די שטורעם ווינט, **שהוא הרוח של המתנגדים** וואס דאס איז די גייסט פון די מתנגדים **החולקים על הצדיקים אמתיים** וואס קריגן אויף די אמת'ע צדיקים, **שממשיכין אריכת הרוח שלהם** וואס באקומען זייער גייסט **מהרב דקלפה** פון די רבי פון די קליפות, **שהוא בחינת** וואס זענען נישט מער ווי **עשו** עשו הרשע, וועם דער פסוק (בראשית כז, יא) רופט אן **איש שעיר** א האריגער מאן. דאס ווארט 'שעיר' איז אויך א לשון פון א שטורעם ווינט (ווייל די אות ש' און ס' קען מען ארומטוישן), וואס דאס איז מרמז אויף 'איש שעיר', א לשון פון א צעשטורעמטער מאן וואס ברענגט זיינע מענטשן צו זיין צעשטורעמט, כנ"ל אזוי

ווי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ג), אוּן יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא הָאט אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אִין די טוֹיטֶע רְשָׁעִים פוּן די רֶבִּי פוּן די קְלִיפָּה – אַ רוּחַ חַיִּים.

אַלֶע וָואס זֶענֶען בַּיי די פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים זֶענֶען צֶעשְׁטוּרֶעמְטֶע מֶענְטְשְׁן, פוּן די שְׁטוּרֶעם ווינְט וָואס די קְלִיפּוֹת צֶעשְׁטוּרֶעמֶען זֵיי, זֵייעֶר גֵייסְט הָאלְט נִישְׁט אָן אוֹיף לַאנְג, ווַייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע רֶבִּי'ס שַׁיינֶען נִישְׁט אַרַיין אִין זֵיי צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. עֶס אִיז אַ לוּפְטִיגֶע אוֹיפְגֶעבְּלָאזֶענֶע זַאךְ, וָואס שְׁטוּרֶעמְט ווי אַ שְׁטוּרְם ווינְט אוּן וֶוערְט אוֹיס.

**וְעַל כֵּן** אוּן דֶערְפַאר גֶעפִינֶען מִיר **צִיצִית הוּא לְשׁוֹן שֵׂעָר** אַז מֶען רוּפְט אָן די מִצְוָה פוּן צִיצִית מִיט אַ לָשׁוֹן פוּן הָאר, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם ח, ג): 'וַיִּקָּחֵנִי' אוּן דוּ הָאסְט מִיךְ גֶענוּמֶען '**בְּצִיצִית רֹאשִׁי**' בַּיי די הָאר פוּן מַיין קָאפּ; זֶעט מֶען אַז עֶר רוּפְט אָן הָאר מִיט די וָוארְט צִיצִית, **כִּי עַל יָדָם** ווַייל דוּרְךְ די מִצְוָה פוּן צִיצִית, **נִכְנָע עֵשָׂו אִישׁ שָׂעִיר** וֶוערְט עֵשָׂו – דֶער הָארִיגֶער מַאן – אוּנְטֶערְטֶעניגְט, דוּרְךְ די מִצְוָה פוּן צִיצִית וֶוערְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער הֵיילִיג, אוּן עֶס וֶוערְן אוּנְטֶערְטֶעניגְט די פַאלְשֶׁע רֶבִּי'ס וָואס זֶענֶען אַ רֶבִּי אַזוֹי ווִי עֵשָׂו, וָואס בַּיי אִים שְׁטֵייט 'אִישׁ שָׂעִיר' עֶר אִיז הָארִיג, אוּן דָאס וָוארְט 'שָׂעִיר' הָארִיג – **בְּחִינַת** אִיז מְרַמֵּז אוֹיף רוּחַ סְעָרָה אַ שְׁטוּרֶעם ווינְט, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ג), ווַייל דֶער צַדִּיק אֱמֶת בְּלָאזְט אַרַיין אִין זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, דוּרְךְ זֵיי שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען צוּ לֶערְנֶען די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. עֶר שְׁטַארְקְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְאַגָּדָה, אוּן אַזוֹי בַּאקוּמֶען זֵיי אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, אָבֶּער די

כַּנַּ"ל. וְעַל־כֵּן צִיצִית הוּא לְשׁוֹן שֵׂעָר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ח): "וַיִּקָּחֵנִי בְּצִיצִת רֹאשִׁי". כִּי עַל־יָדָם נִכְנָע עֵשָׂו אִישׁ שָׂעִיר, בְּחִינַת רוּחַ־סְעָרָה כַּנַּ"ל.

**וְזֶה** בְּחִינַת טַלִּית לָבָן שֶׁנִּתְעַטֵּף הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא וְסִדֵּר שְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה מִדּוֹת (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה

**וְזֶה בְּחִינַת** אוּן דָאס אִיז **טַלִּית לָבָן** די ווַייסֶע טַלִּית **שֶׁנִּתְעַטֵּף הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ כִּבְיָכוֹל אָנְגֶעטוּן **וְסִדֵּר שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת** בַּיים אַנְטְפָּלֶעקְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ די דְרַייצְן מִידוֹת שֶׁל רַחֲמִים, (**כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי ווִי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן **רֹאשׁ הַשָּׁנָה י"ז**: אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת לד, ו): 'וַיַּעֲבֹר ה' עַל פָּנָיו' [אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַרִיבֶּער פַאר אִים], 'מְלַמֵּד שֶׁנִּתְעַטֵּף הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כִּשְׁלִיחַ צִבּוּר', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אַיינְגֶעהִילְט אַזוֹי ווִי אַ בַּעַל תְּפִלָּה, אוּן דֶער מַהַרְשָׁ"א זָאגְט דָארְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ ווַייסֶע טַלִּית, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט: 'כָּל זְמַן שֶׁיִּשְׂרָאֵל חוֹטְאִין' וֶוען די אִידְן וֶועלְן זִינְדִיגְן, 'יַעֲשׂוּ לְפָנַי סֵדֶר הַזֶּה' זָאלְן זֵיי טוּן די זַאכְן, זִיךְ פִירְן מִיט די דְרַייצְן מִדּוֹת פוּן רַחְמָנוּת, 'וַאֲנִי מוֹחֵל לָהֶם' אוּן

י"ז), כִּי הַשְּׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה מִדּוֹת הֵן בְּחִינוֹת הָרוּחַ־חַיִּים דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ בְּחִינַת טַלִּית, שֶׁהוּא אַרְבַּע כְּנָפוֹת, בְּחִינוֹת הָרוּחַ מֵאַרְבַּע רוּחוֹת כַּנַּ"ל. וְהַיְנוּ טַלִּית לָבָן — הֶפֶךְ בְּחִינוֹת רוּחַ דִּקְלִפָּה, בְּחִינַת עֵשָׂו, שֶׁהוּא "אַדְמוֹנִי כֻּלּוֹ כְּאַדֶּרֶת שֵׂעָר" (בְּרֵאשִׁית כ"ה), וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: 'כְּטַלִּית' — כְּטַלִּית דַּיְקָא, בְּחִינַת טַלִּית דִּקְלִפָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת טַלִּית אָדֹם, שֶׁמִּשָּׁם נִמְשָׁךְ הָרוּחַ שֶׁל הָרְשָׁעִים כַּנַּ"ל. וְעַל־יְדֵי טַלִּית דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת טַלִּית לָבָן, מַכְנִיעִין אוֹתוֹ, כִּי מִשָּׁם נִמְשָׁךְ הָרוּחַ־חַיִּים דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת

אִיךְ וֶועל זַיי פַארְגֶעבְּן), דֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר וָואס הָאט דִי דְרַייצְן מִידוֹת שֶׁל רַחֲמִים מִיט דִי טַלִּית, **כִּי הַשְּׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת** וַוייל דִי דְרַייצְן מִידוֹת שֶׁל רַחֲמִים, **הֵן בְּחִינוֹת הָרוּחַ חַיִּים דִּקְדֻשָּׁה** אִיז דִי הֵיילִיגֶע 'רוּחַ חַיִּים' וָואס דֶער צַדִּיק נֶעמְט פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן פִילְט אָן מִיט דֶעם אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת, אוּן טוּט פַארְצֵייעֶן דִי זִינְד, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ד), **וְזֶהוּ בְּחִינַת טַלִּית** אוּן דָאס אִיז דִי זַאךְ אוֹיף וָואס טַלִּית אִיז מְרַמֵּז, **שֶׁהוּא אַרְבַּע כְּנָפוֹת** דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית אִיז בַּיי אַ קְלֵייד וָואס הָאט פִיר עֶקְן, **בְּחִינוֹת** דָאס וָואס יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא הָאט נְבוּאָה גֶעזָאגְט אַז דִי טוֹיטֶע וֶועלְן זִיךְ אוֹיפְלֶעבְּן דוּרְךְ **הָרוּחַ מֵאַרְבַּע רוּחוֹת** דִי לוּפְט פוּן דִי פִיר זַייטְן, דָאס מֵיינְט מֶען דִי צִיצִית וָואס הֶענְגֶען בַּיי דִי פִיר זַייטְן, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

**וְהַיְנוּ** אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ אַיינְגֶעהִילְט בַּיים אַנְטְפְּלֶעקְן דִי דְרַייצְן מִידוֹת שֶׁל רַחֲמִים אִין אַ **טַלִּית לָבָן** וַוייסֶע טַלִּית, **הֶפֶךְ** פַארְקֶערְט **בְּחִינוֹת רוּחַ דִּקְלִפָּה** פוּן דִי גֵייסְט בַּיי דִי קְלִיפּוֹת, **בְּחִינַת** וָואס אִיז בַּיי **עֵשָׂו** עֵשָׂו הָרָשָׁע, **שֶׁהוּא** וָואס עֶר אִיז אַ רוֹיטֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, וֶוען עֵשָׂו אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִיז עֶר גֶעוֶוען **'אַדְמוֹנִי'** רוֹיט, **'כֻּלּוֹ כְּאַדֶּרֶת שֵׂעָר'** אַזוֹי וִוי אַ הָארִיגֶע 'אַדֶּרֶת', (בְּרֵאשִׁית כ"ה, כה), **וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י**: אוּן וִוי רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דִי פָּסוּק 'כְּאַדֶּרֶת שֵׂעָר' **'כְּטַלִּית'** אַזוֹי וִוי אַ טַלִּית; אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז רַשִׁ"י דְרוּקְט דָאס וָוארְט 'טַלִּית' נִישְׁט 'בֶּגֶד', נָאר **כְּטַלִּית דַּיְקָא** עֶר כַאפְּט דָא אָן דִי וָוארְט 'טַלִּית', **בְּחִינַת טַלִּית דִּקְלִפָּה** דִי טַלִּית פוּן דִי קְלִיפּוֹת, **שֶׁהוּא בְּחִינַת טַלִּית אָדֹם** וָואס זַייעֶר טַלִּית אִיז אַ רוֹיטֶע 'טַלִּית', וָואס אִיז מְעוֹרֵר דִּינִים, רוֹיט וֶועקְט אוֹיף דִּינִים, **שֶׁמִּשָּׁם** וָואס פוּן דָארְט **נִמְשָׁךְ הָרוּחַ שֶׁל הָרְשָׁעִים** קוּמְט דִי גֵייסְט פַאר דִי רְשָׁעִים **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ד), **וְעַל יְדֵי טַלִּית דִּקְדֻשָּׁה** אוּן דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע טַלִּית, **שֶׁהוּא בְּחִינַת טַלִּית לָבָן** אַ וַוייסֶע טַלִּית, וַוייס אִיז אוֹיךְ מְרַמֵּז אוֹיף מְחִילַת עֲווֹנוֹת - **מַכְנִיעִין אוֹתוֹ** טוּט מֶען אוּנְטֶערְטֶענִיגְן דֶעם רָשָׁע, **כִּי מִשָּׁם נִמְשָׁךְ** וַוייל פוּן דָארְט קוּמְט **הָרוּחַ חַיִּים דִּקְדֻשָּׁה** דִי הֵיילִיגֶע לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, **שֶׁהוּא בְּחִינַת** וָואס דָאס אִיז דִי **שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת**

שְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה מִדּוֹת שֶׁל רַחֲמִים כַּנַּ"ל.

**וְעַל** כֵּן נִתְעַטֵּף הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בְּטַלִּית לָבָן דַּיְקָא וְסִדֵּר לִפְנֵי מֹשֶׁה שְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה מִדּוֹת שֶׁל רַחֲמִים, הַיְנוּ כַּנַּ"ל, כִּי עַל־יְדֵי טַלִּית דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהוּא בִּבְחִינוֹת מַקִּיף, שֶׁהוּא בְּחִינַת הָרוּחַ־חַיִּים, בְּחִינוֹת (קֹהֶלֶת א): "סוֹבֵב סֹבֵב הוֹלֵךְ הָרוּחַ", נִכְנָע טַלִּית דִּקְלִפָּה, בְּחִינַת הָרוּחַ דִּקְלִפָּה:

**וְזֶהוּ** (איוב ל"ח): "לֶאֱחוֹז בְּכַנְפוֹת הָאָרֶץ וְיִנָּעֲרוּ רְשָׁעִים מִמֶּנָּה" — כִּי עַל־יְדֵי הָאַרְבַּע כְּנָפוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינַת הָרוּחַ־חַיִּים דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהֵם בְּחִינַת הָאַרְבַּע רָאשִׁים הַנַּ"ל, עַל־יָדָם

---

שֶׁל רַחֲמִים דְרייצְן מִידוֹת שֶׁל רַחֲמִים, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

**וְעַל** כֵּן און דֶערְפַאר, נִתְעַטֵּף הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ אייינְגֶעהִילְט בְּטַלִּית לָבָן דַּיְקָא אִין אַ ווייסֶע טַלִית, וְסִדֵּר לִפְנֵי מֹשֶׁה שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת שֶׁל רַחֲמִים און גֶעווִיזְן פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ די דְרייצְן מִידוֹת שֶׁל רַחֲמִים, הַיְנוּ אִים צוּ לֶערְנֶען ווי אַזוֹי מֶען קֶען אַרֵיינְבְּלָאזְן אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט און זֵיי פַּארְצֵייעֶן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת דוּרְךְ די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס דָארְט אִיז די לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט וָואס גֶעבְּט לֶעבְּן, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ב), כִּי עַל יְדֵי טַלִּית דִּקְדֻשָּׁה ווייל דוּרְךְ די הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן צִיצִית, דוּרְךְ די הֵיילִיגֶע טַלִית, שֶׁהוּא בִּבְחִינוֹת מַקִּיף וָואס נֶעמְט אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ, שֶׁהוּא בְּחִינַת הָרוּחַ חַיִּים וָואס דָאס אִיז אַזוֹי ווי אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, בְּחִינוֹת אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (קֹהֶלֶת א׳, ו): 'סוֹבֵב סֹבֵב' אַרוּם און אַרוּם, 'הוֹלֵךְ הָרוּחַ' גֵייט דֶער ווינְט, און דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶער טִיפֶער, אַרוּם און אַרוּם מֵיינְט מֶען די 'רוּחַ חַיִּים', די 'רוּחַ דִּקְדֻשָּׁה', די 'הֵיילִיגֶע טַלִית' – וָואס נֶעמְט אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ, **נִכְנָע** דוּרְכְדֶעם וֶוערְט אוּנְטֶערְטֶעניִגְט טַלִּית דִּקְלִפָּה די טַלִית פוּן די קְלִיפּוֹת, בְּחִינַת הָרוּחַ דִּקְלִפָּה וָואס אִיז די גֵייסְט פוּן די רְשָׁעִים; מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, די שְׁלֶעכְטְס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ פַאלְט אַוֶועק.

**וְזֶהוּ** און דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִיּוֹב ל"ח, יג): 'לֶאֱחוֹז בְּכַנְפוֹת הָאָרֶץ' אָנְצוּכַאפְּן בַּיי די עֶקְן פוּן דֶער וֶועלְט, 'וְיִנָּעֲרוּ רְשָׁעִים מִמֶּנָּה' און עֶס וֶועלְן וֶוערְן אָפְּגֶעשָׁאקְלְט אַלֶע רְשָׁעִים פוּן אִיר. די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'עֶנֶען (סִפְרִי שְׁלַח, פִּיסְקָא קטו), אַז דֶער פָּסוּק אִיז מְרַמֵּז אוֹיף די מִצְוָה פוּן צִיצִית, **כִּי** עַל יְדֵי הָאַרְבַּע כְּנָפוֹת ווייל דוּרְךְ די צִיצִית וָואס הֶענְגֶען בַּיי די פִיר עֶקְן פוּנֶעם טַלִית, שֶׁהֵם בְּחִינַת דָאס טוּט אַרֵיינְבְּלָאזְן הָרוּחַ חַיִּים דִּקְדֻשָּׁה אַ הֵיילִיגֶע לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, שֶׁהֵם בְּחִינַת **הָאַרְבַּע** רָאשִׁים בִּיז עֶס הוֹיבְּט אָן שַׁיינֶען און לַייכְטְן די שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא הַנַּ"ל אַזוֹי ווי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ז), **עַל** יָדָם און דוּרְךְ זֵיי 'וְיִנָּעֲרוּ רְשָׁעִים' וֶוערְן

אַוועק געשָׁאקֶלְט די רְשָׁעִים, בְּחִינַת אַזוֹי ווי עס שְׁטֵייט אין פָּסוּק 'מַ'שְׁפִּיל רְ'שָׁעִים עֲ'דֵי אָ'רֶץ' [דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְטֶערְטֶעניגְט די רְשָׁעִים בִּיז צוּ דֶער עֶרְד] רָאשֵׁי תֵבוֹת וָואס אִיז די אָנְהוֹיבּ פוּן די וֶוערְטֶער אֵ'שׁ, רוּ'חַ, מַ'יִם, עָ'פָר, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ה), אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען אֵיידְלְט זִיךְ אוֹיס די מִידוֹת פוּן די פִיר יְסוֹדוֹת, קֶען מֶען אוּנְטֶערְטֶעניגְן די רְשָׁעִים.

*

וְיִנָּעֲרוּ רְשָׁעִים, בְּחִינַת מַ'שְׁפִּיל רְ'שָׁעִים עֲ'דֵי אָ'רֶץ, רָאשֵׁי־תֵבוֹת: אֵ'שׁ, רוּ'חַ, מַ'יִם, עָ'פָר, כַּנַּ"ל.

**וְזֶה פֵּרוּשׁ:** אָמַר רַבָּה בַּר בַּר־חָנָא: אֲמַר לִי הַהוּא טַיְעָא, תָּא וְאַחְוֵי לָךְ מֵתֵי מִדְבָּר. אַזְלִי וַחֲזֵיתִינְהוּ, וְדָמוּ כְּמָאן דִּמְבַסְּמוּ. וְגָנוּ אַפַּרְקִיד, וַהֲוָה זְקִיפָא בִּרְכֵּהּ דְּחַד מִנַּיְהוּ, וְעַיֵּל טַיְעָא תּוּתֵהּ בִּרְכֵּהּ, כִּי רָכִיב גַּמְלָא וּזְקִיפָא רֻמְחֵהּ וְלָא נְגַע בֵּהּ. פְּסַקִי חֲדָא קַרְנָא דִּתְכֶלְתָּא דְּחַד מִנַּיְהוּ וְלָא הֲוֵי מִסְתַּגֵּי לָן. אֲמַר לִי: דִּלְמָא שָׁקַלְתְּ מִידֵי מִנַּיְהוּ? דִּגְמִירֵי, דְּמָאן דְּשָׁקִיל מִידֵי מִנַּיְהוּ לָא מִסְתַּגֵּי לֵהּ. אַזְלִי אַהַדַרְתֵּהּ, וְהָדַר מִסְתַּגֵּי לָן.

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין די וֶוערְטֶער פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָא (בָּבָא בַּתְרָא עג:): 'אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָא' רַבָּה בַּר בַּר חָנָא הָאט גֶעזָאגְט, 'אֲמַר לִי הַהוּא טַיְעָא' אַ סוֹחֵר אַן אַרַאבֶּער הָאט מִיר גֶעזָאגְט, 'תָּא' קוּם מִיט מִיר, 'וְאַחְוֵי לָךְ' אוּן אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן 'מֵתֵי מִדְבָּר' די טוֹיטֶע פוּן די דוֹר הַמִּדְבָּר, 'אַזְלִי' בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען, 'וַחֲזֵיתִינְהוּ' אוּן אִיךְ הָאב זֵיי גֶעזֶען, 'וְדָמוּ' אוּן זֵיי הָאבְן אוֹיסְגֶעזֶען אִין מַיינֶע אוֹיגְן 'כְּמָאן דִּמְבַסְּמוּ' ווי זֵיי הָאבְן זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶען, 'וְגָנוּ אַפַּרְקִיד' אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעלֶעגְן אוֹיפְן רוּקְן מִיט זֵייעֶר פָּנִים אוֹיף אַרוֹיף, 'וַהֲוָה זְקִיפָא' אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, 'בִּרְכֵּהּ דְּחַד מִנַּיְהוּ' אֵיינֶעמְ'ס פוּס, 'וְעַיֵּל טַיְעָא' אוּן דֶער אַרַאבִּישֶׁער סוֹחֵר אִיז אַרַיין 'תּוּתֵהּ בִּרְכֵּהּ' אוּנְטֶער זַיין פוּס, 'כִּי רָכִיב גַּמְלָא' רַייטְנְדִיג אוֹיף אַ קֶעמְל, 'וּזְקִיפָא רֻמְחֵהּ' אוּן מִיט אַן אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּענֶעם שְׁוֶוערְד אִין הַאנְט, 'וְלָא נְגַע בֵּהּ' אוּן עֶס הָאט נִישְׁט אָנְגֶערִירְט יֶענֶעמְ'ס פִּיס, אַזוֹי הוֹיךְ אוּן גְרוֹיס זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען, אַז מִיט אַ קֶעמְל אוּן מִיט אַ שְׁוֶוערְד הוֹיךְ אִין די הַאנְט הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט דֶערְגְרַייכְט בִּיז די פִּיס, 'פְּסַקִי' אוּן אִיךְ הָאב אָפְּגֶעשְׁנִיטְן, 'חֲדָא קַרְנָא דִּתְכֶלְתָּא' אֵיין עֶק צִיצִית, 'דְּחַד מִנַּיְהוּ' פוּן אֵיינֶע פוּן זֵיי, 'וְלָא הֲוֵי מִסְתַּגֵּי לָן' אוּן אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייטֶער גֵיין, 'אֲמַר לִי' הָאט מִיר דֶער סוֹחֵר דֶער אַרַאבֶּער גֶעזָאגְט: 'דִּלְמָא שָׁקַלְתְּ מִידֵי מִנַּיְהוּ' צִי דֶען הָאסְטוּ עֶפֶּעס גֶענוּמֶען פוּן זֵיי? 'דִּגְמִירֵי' ווייל מִיר הָאבְן אַ קַבָּלָה, 'דְּמָאן דְּשָׁקִיל מִידֵי מִנַּיְהוּ' אַז דֶער וָואס נֶעמְט עֶפֶּעס פוּן זֵיי 'לָא מִסְתַּגֵּי לֵהּ' קֶען נִישְׁט וַוייטֶער גֵיין, 'אַזְלִי' בִּין אִיךְ

גֶעגַאנְגֶען, 'אַהַדַרְתֵּהּ' אוּן אִיךְ הָאבּ צוּרִיק גֶעקֶערְט דִי עֶק פוּן דִי צִיצִית, 'וְהַדַר מִסְתַּגֵּי לָן' נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעקֶענְט וַוייטֶער גֵיין.

**פֵּרוּשׁ** רַשְׁבַּ"ם דֶער רַשְׁבַּ"ם זָאגְט **טַיְעָא**. - סוֹחֵר יִשְׁמְעֵאל: **אִזְלִי** וַחֲזֵיתִינְהוּ וְדָמוּ כְּמָאן דְּמִבַסְּמוּ. - שֶׁהָיוּ שׁוֹכְבִין זֵיי זֶענֶען גֶעלֶעגְן, בְּפָנִים צָהֳבוֹת מִיט אַ הֶעלֶע פָּנִים, כִּשְׁתוּיֵי יַיִן: אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס אִיז אָנְגֶעטְרִינְקֶען מִיט וויין, **אַפַּרְקִיד**. - פְּנֵיהֶם לְמַעְלָה: מִיט זֵייעֶר פָּנִים אוֹיף אַרוֹיף, **וְעַיֵּיל טַיְעָא** תּוּתֵהּ בִּרְכֵּהּ. - כְּלוֹמַר עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן, רָאִיתִי אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען, שֶׁטַּיְעָא אַן אַרַאבֶּער, הָיָה הוֹלֵךְ אִיז גֶעגַאנְגֶען, תַּחַת בִּרְכֵּי הַמֵּת אוּנְטֶער דִי פִיס פוּנֶעם טוֹיטְן, רָכוּב עַל הַגָּמָל רֵייטְנְדִיג אוֹיף אַ קֶעמְל, וְרָמְחוֹ בְּיָדוֹ מִיט אַ שְׁוֶוערְד אִין דִי הַאנְט, וְלֹא נָגַע בֵּהּ בַּבִּרְכֵּהּ: אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אָנְגֶערִירְט זַיין פוּס, **שַׁקְלָא חֲדָא קַרְנָא**. - כְּנַף הַטַּלִּית דִי עֶק פוּנֶעם טַלִּית, לְהַרְאוֹתוֹ לַחֲכָמִים דָאס צוּ וַוייזְן פַאר דִי חֲכָמִים, לִלְמֹד מִמֶּנּוּ דִין צִיצִית זֵיי זָאלְן זֶען וְוי אַזוֹי מֶען דַארְף מַאכְן דִי צִיצִית, אִי כְּבֵית שַׁמַּאי אִי כְּבֵית הִלֵּל וִוי דִי בֵּית שַׁמַּאי אָדֶער וִוי דִי בֵּית הִלֵּל, כִּדְלְקַמָּן: אַזוֹי וִוי וַוייטֶער עֶרְקְלֶערְט, **וְלָא** הָוֵי **קָא** מִסְתַּגֵּי לָן. - בְּהֵמוֹת שֶׁהָיִינוּ רוֹכְבִין דִי בְּהֵמוֹת אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן גֶערִיטְן, לֹא הָיוּ יְכוֹלִין לַהֲלֹךְ הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין.

**גֵייט** דֶער רֶבִּי אַרַיינְלֵייגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָא.

'**תָּא** וְאַחְוֵי לָךְ מֵתֵי מִדְבָּר' [קוּם אַהֶער אוּן אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן דִי טוֹיטֶע פוּן דִי דוֹר הַמִּדְבָּר], הַיְנוּ שֶׁהֶרְאָה לוֹ הָרְשָׁעִים עֶר הָאט אִים גֶעוויזְן דִי רְשָׁעִים דִי מְרַגְּלִים וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, שֶׁאֵינָם דְּבֵקִים בַּצַּדִּיקִים זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי צַדִּיקִים, וְהֵם נִקְרָאִין אוּן דֶערְפַאר וֶוערְן זֵיי אָנְגֶערוּפְן מֵתֵי מִדְבָּר דִי טוֹיטֶע פוּן מִדְבָּר, וַוייל דֶער צַדִּיק גֶעבְּט אַ רוּחַ חַיִּים - אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, אוּן אַז מֶען קְרִיגְט אוֹיפְן צַדִּיק הָאט מֶען נִישְׁט קַיין רוּחַ חַיִּים, מֶען אִיז טוֹיט. נָאךְ אַ טַעַם פַארְוָואס דִי דוֹר הַמִּדְבָּר וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט

## פֵּרוּשׁ רַשְׁבַּ"ם:

**טַיְעָא** — סוֹחֵר יִשְׁמְעֵאל: **אִזְלִי** וַחֲזֵיתִינְהוּ וְדָמוּ כְּמָאן דְּמִבַסְּמוּ — שֶׁהָיוּ שׁוֹכְבִין בְּפָנִים צָהֳבוֹת כִּשְׁתוּיֵי יַיִן: **אַפַּרְקִיד** — פְּנֵיהֶם לְמַעְלָה: **וְעַיֵּיל טַיְעָא** תּוּתֵהּ בִּרְכֵּהּ — כְּלוֹמַר, רָאִיתִי שֶׁטַּיְעָא הָיָה הוֹלֵךְ תַּחַת בִּרְכֵּי הַמֵּת, רָכוּב עַל הַגָּמָל וְרָמְחוֹ בְּיָדוֹ, וְלֹא נָגַע בֵּהּ בְּבִרְכֵּהּ: **שַׁקְלָא חֲדָא קַרְנָא** — כְּנַף הַטַּלִּית לְהַרְאוֹתוֹ לַחֲכָמִים, לִלְמֹד מִמֶּנּוּ דִּין צִיצִית, אִי כְּבֵית־שַׁמַּאי אִי כְּבֵית־הִלֵּל, כִּדְלְקַמָּן: **וְלָא** הָוֵי **קָא** מִסְתַּגֵּי לָן — בְּהֵמוֹת שֶׁהָיִינוּ רוֹכְבִין לֹא הָיוּ יְכוֹלִין לַהֲלֹךְ:

**תָּא** וְאַחְוֵי לָךְ מֵתֵי מִדְבָּר — הַיְנוּ שֶׁהֶרְאָה לוֹ הָרְשָׁעִים שֶׁאֵינָם דְּבֵקִים בַּצַּדִּיקִים, וְהֵם נִקְרָאִין מֵתֵי מִדְבָּר,

**כִּי מִדְבָּר לֹא הָיְתָה רוּחַ צְפוֹנִית מְנַשֶּׁבֶת בּוֹ** (יְבָמוֹת עב.) — הַיְנוּ בְּחִינַת רוּחַ הַחַיִּים דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהִיא בְּחִינַת רוּחַ צְפוֹנִית שֶׁהָיְתָה מְנַשֶּׁבֶת בְּכִנּוֹר שֶׁל דָּוִד כַּנַּ"ל. וְהָרְשָׁעִים הַלָּלוּ, שֶׁאֵינָם דְּבֵקִים בַּצַּדִּיקִים, וְאֵין לָהֶם הָרוּחַ דִּקְדֻשָּׁה, וְהֵם בְּחַיֵּיהֶם קְרוּאִים מֵתִים; וְהֶרְאָה לוֹ מֵהֵיכָן מַגִּיעַ לָהֶם שְׁלֵמוּת הַחִסָּרוֹן.

**וְזֶהוּ שֶׁהֶרְאָה לוֹ: דַּהֲווֹ דָּמוּ כִּמְבַסְּמֵי** — פֵּרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל, כִּשְׁתוּיֵי יַיִן, בְּחִינַת עֵשָׂו אַדְמוֹנִי, שֶׁהוּא הָרַב דִּקְלִפָּה, אֲשֶׁר מִשָּׁם מְקַבְּלִין הָרְשָׁעִים הָרוּחַ־חַיִּים שֶׁלָּהֶם לְהַשְׁלִים הַחִסָּרוֹן.

אוֹיפְן צַדִּיק וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'מֵתֵי מִדְבָּר' דִי טוֹיטֶע פוּן מִדְבָּר אָן אַ רוּחַ חַיִּים, ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, **כִּי מִדְבָּר** אִין מִדְבָּר **לֹא הָיְתָה רוּחַ צְפוֹנִית מְנַשֶּׁבֶת בּוֹ** הָאט דִי ווִינְט פוּן צָפוֹן זַייט וֶועלְט - נִישְׁט גֶעבְּלָאזְן (יְבָמוֹת עב.), הַיְנוּ בְּחִינַת אוּן ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט הָאט 'צָפוֹן' נָאךְ אַ בַּאדֵייט, רוּחַ הַחַיִּים דִּקְדֻשָּׁה דִי הֵיילִיגֶע לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, שֶׁהִיא בְּחִינַת וָואס ווערט אָנְגֶערוּפְן רוּחַ **צְפוֹנִית** 'רוּחַ צָפוֹן' אַ לָשׁוֹן פוּן בַּאהַאלְטְן, שֶׁהָיְתָה מְנַשֶּׁבֶת בְּכִנּוֹר שֶׁל דָּוִד דִי 'רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ' וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'רוּחַ צָפוֹן' דִי בַּאהַאלְטֶענֶע ווִינְט, דִי 'רוּחַ חַיִּים' וָואס פְלֶעגְט בְּלָאזְן בַּיי דִי פִידְל פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ, דָאס מֵיינְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי פִינְף סְטְרוּנֶעס, וָואס אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי 'חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה', כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ב), **וְהָרְשָׁעִים** הַלָּלוּ אוּן דִי רְשָׁעִים זֶענֶען **שֶׁאֵינָם דְּבֵקִים** בַּצַּדִּיקִים דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ צַדִּיקִים, **וְאֵין לָהֶם הָרוּחַ דִּקְדֻשָּׁה** אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דִי הֵיילִיגֶע לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, **וְהֵם בְּחַיֵּיהֶם** אוּן בַּיי זֵייעֶר לֶעבְּן **קְרוּאִים מֵתִים** וֶוערְן זֵיי שׁוֹין אָנְגֶערוּפְן טוֹיטֶע. **וְהֶרְאָה** לוֹ אוּן עֶר הָאט אִים גֶעווִיזְן **מֵהֵיכָן מַגִּיעַ לָהֶם שְׁלֵמוּת הַחִסָּרוֹן** פוּן וָואוּ נֶעמֶען זֵיי אַ גֵייסְט צוּ לֶעבְּן אוּן צוּ עֶרְפִילְן וָואס פֶעלְט זֵיי, **וְזֶהוּ שֶׁהֶרְאָה לוֹ** דָאס הָאט אִים דֶער 'טַיְעָא' גֶעווִיזְן, ('טַיְעָא' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶער צַדִּיק - אַזוֹי ווִי מֶען וֶועט שְׁפֶּעטֶער זֶען), **'דַּהֲווֹ דָּמוּ כִּמְבַסְּמֵי'** [זֵיי הָאבְן אוֹיסְגֶעזֶען רוֹיט, אַזוֹי ווִי זֵיי וָואלְטְן זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶען], **פֵּרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל** זָאגְט דֶער רַשְׁבַּ"ם: **'כִּשְׁתוּיֵי יַיִן'** זֵיי הָאבְן אוֹיסְגֶעזֶען רוֹיט אַזוֹי ווִי זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעטְרִינְקֶען פוּן וַויין, וַויין אִיז רוֹיט, **בְּחִינַת** דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף **עֵשָׂו אַדְמוֹנִי** עֵשָׂו הָרָשָׁע וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ רוֹיטֶער, וָואס אִיז דִי קָאלִיר וָואס ווַייזְט אוֹיף דִינִים, **שֶׁהוּא הָרַב דִּקְלִפָּה** וָואס עֶר אִיז דִי רֶבִּי בַּיי דִי קְלִיפּוֹת, **אֲשֶׁר מִשָּׁם** וָואס פוּן דָארְט, פוּן דִי פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים - **מְקַבְּלִין הָרְשָׁעִים** נֶעמֶען דִי רְשָׁעִים **הָרוּחַ חַיִּים שֶׁלָּהֶם** זֵייעֶר גֵייסְט, **לְהַשְׁלִים הַחִסָּרוֹן** צוּ עֶרְפִילְן וָואס פֶעלְט זֵיי.

**וְזֶהוּ:** וְגָנוּ אַפַּרְקִיד — פֵּרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל, פְּנֵיהֶם לְמַעְלָה — פְּנֵיהֶם זֶה בְּחִינַת הָרוּחַ כַּנַּ"ל: הַכָּרַת פְּנֵיהֶם וְכוּ'; וְהַיְנוּ לְמַעְלָה, כִּי הָרוּחַ שֶׁלָּהֶם גָּדוֹל לְפִי שָׁעָה עַד אֲשֶׁר עוֹלָה הַצְלָחָתָם לְמַעְלָה כַּנַּ"ל, בְּחִינַת כָּל צוֹרְרָיו יָפִיחַ בָּהֶם כַּנַּ"ל. וַהֲוָה גְּבַהּ בִּרְכֵּהּ דְּחַד מִנַּיְהוּ — זֶה מוֹרֶה עַל גֹּדֶל הַהַצְלָחָה שֶׁל הָרְשָׁעִים, כִּי הָעֹדֶר הַהַצְלָחָה נִקְרָא "בִּרְכַּיִם כּוֹשְׁלוֹת" (יְשַׁעְיָהוּ ל"ה): 'וְגָבַהּ בִּרְכֵּהּ' הַיְנוּ רוּם הַהַצְלָחָה.

**וְעַיֵּל** טַיְעָא תּוּתֵהּ בִּרְכֵּהּ — הַיְנוּ הַצַּדִּיק שֶׁנִּקְרָא

**וְזֶהוּ** און דאס איז פְּשַׁט 'וְגָנוּ אַפַּרְקִיד' [און זיי זענען געלעגן אויפן רוקן מיט זייער פָּנִים אויף אַרויף], פֵּרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל דער רַשְׁבַּ"ם טַייטְשְׁט: 'פְּנֵיהֶם לְמַעְלָה' ווי זיי ליגְן מיט די פָּנִים אויף אַרויף, פְּנֵיהֶם דער פָּנִים - זֶה בְּחִינַת דאס איז מְרַמֵּז הָרוּחַ אויפן גייסט פונעם מענטש, כַּנַּ"ל אַזוי ווי אויבן אויסגעשמועסט (אות ג), 'הַכָּרַת פְּנֵיהֶם' אַזוי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ ג, ט): 'הַכָּרַת פְּנֵיהֶם עָנְתָה בָּם' וְכוּ', און ווי די הייליגע חֲכָמִים דַּרְשְׁ'ענען: 'זֶה הַחֹטֶם' דאס מיינט מען די נאז (יְבָמוֹת קכ.), וואס די נאז איז מְרַמֵּז אויפן גייסט, פון די נאז אָטעמט מען לופט צו לעבן, וְהַיְנוּ לְמַעְלָה און דאס וואס ער זאגט 'די פָּנִים איז געווען אויף אַרויף', דאס איז מְרַמֵּז כִּי הָרוּחַ שֶׁלָּהֶם ווייל די גייסט פון די רְשָׁעִים גָּדוֹל לְפִי שָׁעָה איז גרויס פאר א קליינע צייט, עַד אֲשֶׁר עוֹלָה הַצְלָחָתָם לְמַעְלָה און דעמאלט ווען עס גייט זיי גוט, גייט זייער הַצְלָחָה אַרויף, אַז זייער הַצְלָחָה זעט אויס זייער גרויס, כַּנַּ"ל אַזוי ווי אויבן אויסגעשמועסט (אות ג), בְּחִינַת אַזוי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (תְּהִלִּים י, ה): 'כָּל צוֹרְרָיו יָפִיחַ בָּהֶם' מיט איין בלאז וואס דער רָשָׁע געבט פאלן אלע זיינע פיינט דערמיט, דאס הייסט ווען די רְשָׁעִים שטייען אויף קעגן די צַדִּיקִים זעט אויס ווי זיי זענען מַצְלִיחַ, כַּנַּ"ל אַזוי ווי אויבן אויסגעשמועסט (אות ג).

'וַהֲוָה גְּבַהּ בִּרְכֵּהּ דְּחַד מִנַּיְהוּ' [און עס איז געווען אויפגעשטעלט איינעמ'ס פיס] זֶה מוֹרֶה דאס קומט ווייזן עַל גֹּדֶל הַהַצְלָחָה שֶׁל הָרְשָׁעִים אויף די גרויסע הַצְלָחָה וואס די רְשָׁעִים האבן, כִּי הָעֹדֶר הַהַצְלָחָה ווייל ווען מען וויל זאגן איינער האט נישט קיין הַצְלָחָה נִקְרָא זאגט מען ער האט שוואכע פיס, אַזוי ווי עס שטייט אין פָּסוּק: 'בִּרְכַּיִם כּוֹשְׁלוֹת' געשטרויכלטע קניען (יְשַׁעְיָהוּ ל"ה, ג), און ווען מען זאגט אויף איינעם 'וְגָבַהּ בִּרְכֵּהּ' ער האט הויכע פיס, הַיְנוּ דאס מיינט צו זאגן רוּם הַהַצְלָחָה ער האט גרויס הַצְלָחָה; דאס האט דער צַדִּיק געוויזן פאר רַבָּה בַּר בַּר חָנָא, אַז די רְשָׁעִים, די טויטע פון מִדְבָּר - זיי האבן אין זייער צייט גרויס הַצְלָחָה און מען טאר זיך נישט רייצן מיט זיי, נאר דער צַדִּיק גָמוּר מעג.

'וְעַיֵּל טַיְעָא תּוּתֵהּ בִּרְכֵּהּ' [און דער אַראבישער סוחר איז אריין אונטער זיין פוס], הַיְנוּ דאס מיינט מען הַצַּדִּיק דער

טַיְעָא, כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל בְּכָל מָקוֹם: 'סוֹחֵר יִשְׁמָעֵאל', וְסוֹחֵר הוּא בְּחִינַת הָרוּחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (קֹהֶלֶת א): "סוֹבֵב סֹבֵב הוֹלֵךְ הָרוּחַ", וְהַיְנוּ הַצַּדִּיק שֶׁמְּקַבֵּל הָרוּחַ מֵהַקְּדֻשָּׁה. וְזֶהוּ: 'סוֹחֵר יִשְׁמָעֵאל' — עַל שֵׁם (בְּרֵאשִׁית ט"ז): "כִּי שָׁמַע ה' אֶל עָנְיֵךְ", כִּי הַצַּדִּיק שׁוֹמֵעַ כָּל הָאֲנָחוֹת שֶׁל הַדְּבֵקִים בּוֹ, כִּי מִמֶּנּוּ תּוֹצְאוֹת חַיִּים לְכָל אֶחָד, כִּי הוּא אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ כַּנַּ"ל. כִּי רָכִיב גַּמְלָא — בְּחִינַת (מִשְׁלֵי י"א):

צַדִּיק, **שֶׁנִּקְרָא טַיְעָא** וָואס דֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַן אַרַאבֶּער, כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל בְּכָל מָקוֹם אַזוֹי ווִי דֶער רַשְׁבַּ"ם טַייטְשְׁט אִיבֶּערַאל דָאס וָוארְט 'טַיְעָא' – **'סוֹחֵר יִשְׁמָעֵאל'** אַ סוֹחֵר אַן אַרַאבֶּער; וָואס עֶפֶּעס וֶוערְט דֶער צַדִּיק אָנְגֶערוּפְן אַ 'סוֹחֵר?' וַוייל **וְסוֹחֵר** דָאס וָוארְט סוֹחֵר הָאט נָאךְ אַ טַייטְשׁ, **הוּא בְּחִינַת הָרוּחַ** דָאס מֵיינְט מֶען דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גַייסְט, וָואס דָאס אִיז דִי פַּאסִיגֶע וָוארְט אָנְצוּרוּפְן דֶער צַדִּיק וָואס עֶר בְּלָאזְט אַרַיין אִין אַלֶע זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַ רוּחַ חַיִּים, אַ רְאָיָ' הָאסְטוּ אַז 'סוֹחֵר' מֵיינְט 'רוּחַ חַיִּים', **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (קֹהֶלֶת א, ו): **'סוֹבֵב סֹבֵב'** אַרוּם אוּן אַרוּם **'הוֹלֵךְ הָרוּחַ'** דְרֵייט זִיךְ דֶער ווִינְט, אוּן דֶער תַּרְגּוּם זָאגְט אוֹיף דִי וָוארְט סוֹבֵב - 'סְחוֹר', אוּן סְחוֹר אִיז מְרַמֵּז אוֹיף סוֹחֵר, וַוייל דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת, **וְהַיְנוּ הַצַּדִּיק** דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם צַדִּיק, **שֶׁמְּקַבֵּל הָרוּחַ מֵהַקְּדֻשָּׁה** וָואס נֶעמְט זַיין גֵייסְט פוּן דִי קְדוּשָׁה פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. **וְזֶהוּ** אוֹיךְ וֶוערְט דֶער צַדִּיק אָנְגֶערוּפְן **'סוֹחֵר יִשְׁמָעֵאל'** אַן אַרַאבֶּער, **עַל שֵׁם** וַוייל דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִי וֶועלְט דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, עֶר לֶערְנְט אוֹיס אַלֶעמֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְנ'ס תְּפִלָּה, אוּן יִשְׁמָעֵאל אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן אוֹיסְהֶערְן תְּפִלּוֹת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ט"ז, יא) דֶער מַלְאָךְ הָאט גֶעזָאגְט פַאר הָגָר דִי זָאל גֶעבְּן אַ נָאמֶען יִשְׁמָעֵאל, אַ לָשׁוֹן פוּן אוֹיסְהֶערְן דַיין וֵוייטָאג, **'כִּי שָׁמַע ה''** וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעהֶערְט **'אֶל עָנְיֵךְ'** צוּ דַיין פַּיין, אוּן אוֹיךְ, **כִּי הַצַּדִּיק שׁוֹמֵעַ** וַוייל דֶער צַדִּיק הֶערְט אוֹיס **כָּל הָאֲנָחוֹת** אַלֶע קְרֶעכְצְן **שֶׁל הַדְּבֵקִים בּוֹ** פוּן דִי וָואס זֶענֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, **כִּי מִמֶּנּוּ** וַוייל פוּנֶעם צַדִּיק **תּוֹצְאוֹת חַיִּים לְכָל אֶחָד** בַּאקוּמֶען אַלֶע לֶעבְּן, **כִּי הוּא** וַוייל דֶער צַדִּיק אִיז **אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ** דֶער מַאן וָואס עֶס אִיז דָא אִין אִים אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ב).

**דֶער** צַדִּיק אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן אוּן אַרַיינְקְרִיכְן אִינֶעם צִנּוֹר פוּנֶעם רָשָׁע, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טַיְעָא אַרַיינְגֶעקְרָאכְן אוּנְטֶער דִי פִיס פוּן דִי טוֹיטֶע, אִים צוּ מַכְנִיעַ זַיין, אוּן הָאט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט אַז זַיין פִיס אִיז הוֹיךְ מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ה), וַוייל דֶער צַדִּיק אִיז אַ שְׁטִיק גוּטְס, וָואס דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי וֶוערְטֶער **'כִּי רָכִיב גַּמְלָא'** [רַייטְנְדִיג אוֹיף אַ קֶעמְל], דִי וָוארְט 'גַּמְלָא' בְּחִינַת

"גּוֹמֵל נַפְשׁוֹ אִישׁ חָסֶד" — זֶה בְּחִינַת רַב חֶסֶד כַּנַּ"ל.

**וּזְקִיף** רַמְחָא — רוֹמַח הוּא בְּחִינַת רוּחַ מֵ"ם, בְּחִינַת "וְרוּחַ אֱלֹקִים מְרַחֶפֶת עַל־פְּנֵי הַמָּיִם", הַיְנוּ הַתּוֹרָה שֶׁנִּתְּנָה לְמ' יוֹם, שֶׁשָּׁם הָרוּחַ־חַיִּים כַּנַּ"ל; כְּלוֹמַר, שֶׁהַצַּדִּיק הָיָה לוֹ בְּחִינַת הָרוּחַ שֶׁמְּקַבֵּל מֵהַתּוֹרָה כַּנַּ"ל, וְעִם כָּל זֶה נָחִית תְּחוֹת בִּרְכֵּהּ, תַּחַת הַצְלָחַת הָרָשָׁע, בְּחִינַת "כְּבַלַּע רָשָׁע צַדִּיק מִמֶּנּוּ". וְקָא פַּסְקֵי קַרְנָא דְתִכְלְתָּא דְּחַד מִנַּיְהוּ — הַיְנוּ שֶׁפָּסַק וְשִׁבֵּר הַמִּדָּה רָעָה מֵאֶחָד מֵאַרְבַּע יְסוֹדוֹת שֶׁהִגְבִּיר וְהִמְשִׁיךְ הָרָשָׁע עַל עַצְמוֹ, שֶׁהוּא הַצִּנּוֹר שֶׁלּוֹ כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ:

וַוייזְט אוֹיף וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי י"א, יז): 'גּוֹמֵל נַפְשׁוֹ' דֶער וָואס טוּט גוּטְס, 'אִישׁ חָסֶד' אִיז אַ בַּאגְנַאדִיגְער מַאן, דִי וָוארְט גּוֹמֵל אִיז גָּמָל, זֶה בְּחִינַת רַב חֶסֶד דָאס וַוייזְט אוֹיף דֶער צַדִּיק וָואס זוּכְט שְׁטֶענְדִיג גוּטְס אִין יֶעדְן אֵיינֶעם, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ד).

'וּזְקִיף רַמְחָא' [אוּן מִיט אַן אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּענֶעם שְׁוֶוערְד אִין הַאנְט], רוֹמַח הוּא בְּחִינַת אִין דִי וָוארְט 'רוֹמַח' אִיז דָא רוּחַ מֵ"ם דִי וֶוערְטֶער 'רוּחַ' 'מ', בְּחִינַת דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף וָואס עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית א, ב): 'וְרוּחַ אֱלֹקִים מְרַחֶפֶת עַל פְּנֵי הַמָּיִם' דֶער גֵייסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט גֶעשְׁוֶועבְּט אוֹיף דִי וַואסֶער, הַיְנוּ הַתּוֹרָה דָאס אִיז דִי תּוֹרָה, שֶׁנִּתְּנָה לְמ' יוֹם וָואס אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן אִין פֶערְצִיג טֶעג, שֶׁשָּׁם הָרוּחַ חַיִּים וָואס אִין דִי תּוֹרָה לִיגְט לֶעבְּן, דוּרְךְ דִי תּוֹרָה בַּאקוּמְט מֶען אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ב), כְּלוֹמַר דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן שֶׁהַצַּדִּיק הָיָה לוֹ בְּחִינַת הָרוּחַ אַז דֶער צַדִּיק הָאט אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, שֶׁמְּקַבֵּל מֵהַתּוֹרָה וָואס עֶר נֶעמְט פוּן דִי תּוֹרָה כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ב), וְעִם כָּל זֶה אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם וָואס דֶער 'טַיְעָא' אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן 'גָּמָל', עֶר הָאט 'רַב חֶסֶד', אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן דִי 'רוֹמַח', דִי 'רוּחַ' 'מ', עֶר הָאט אַ רוּחַ חַיִּים פוּן דִי תּוֹרָה - 'נָחִית תְּחוֹת בִּרְכֵּהּ' [אִיז עֶר אַרַיין אוּנְטֶער זַיין פִּיס], דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן תַּחַת הַצְלָחַת הָרָשָׁע עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין אוּנְטֶער דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם רָשָׁע, בְּחִינַת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (חֲבַקּוּק א, יג): 'כְּבַלַּע רָשָׁע' דֶער רָשָׁע שְׁלִינְגְט אַיין 'צַדִּיק מִמֶּנּוּ' דֶעם צַדִּיק וָואס אִיז נִישְׁט קַיין 'צַדִּיק גָּמוּר', נָאר עֶר אִיז אַ 'צַדִּיק מִמֶּנּוּ', עֶר אִיז מֶער צַדִּיק פוּן אִים.

'וְקָא פַּסְקֵי קַרְנָא דְתִכְלְתָּא דְּחַד מִנַּיְהוּ' [אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁנִיטְן פוּן אֵיינֶע פוּן זֵיי אֵיין עֶק צִיצִית], הַיְנוּ דָאס מֵיינְט מֶען שֶׁפָּסַק עֶר הָאט אָפְּגֶעהַאקְט וְשִׁבֵּר אוּן צֶעבְּרָאכְן הַמִּדָּה רָעָה דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה מֵאֶחָד מֵאַרְבַּע יְסוֹדוֹת פוּן אֵיינֶע פוּן דִי פִיר יְסוֹדוֹת, שֶׁהִגְבִּיר וְהִמְשִׁיךְ הָרָשָׁע עַל עַצְמוֹ וָואס דֶער רָשָׁע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעצוֹיגְן צוּ זִיךְ, שֶׁהוּא הַצִּנּוֹר שֶׁלּוֹ וָואס דָאס אִיז

'וְקָא פַּסְקֵי קַרְנָא דִּתְכֶלְתָּא' וְכוּ', הַיְנוּ שֶׁפָּסַק אַחַת מִן הַצִּיצִית שֶׁלָּהֶם, שֶׁזֶּה בְּחִינַת מַה שֶּׁפָּסַק וְשִׁבֵּר הַמִּדָּה רָעָה שֶׁלָּהֶם שֶׁהוּא הַצִּנּוֹר שֶׁלָּהֶם, כִּי כָּל הַמִּדּוֹת רָעוֹת נִמְשָׁכִין מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת, שֶׁשָּׁרְשָׁם אַרְבַּע צִיצִית כַּנַּ"ל.

וְלָא מִסְתַּגֵּי לָן — כְּלוֹמַר, שֶׁאַף־עַל־פִּי־כֵן לֹא עָלְתָה לוֹ לְהַשְׁפִּיל אֶת הָרָשָׁע וְלָצֵאת מִתַּחַת בִּרְכָּיו, אַף־עַל־פִּי שֶׁפָּסַק וְשִׁבֵּר הַמִּדָּה רָעָה שֶׁל הָרָשָׁע שֶׁנִּמְשֶׁכֶת מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת שֶׁשָּׁרְשָׁם אַרְבַּע צִיצִית כַּנַּ"ל, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת 'וְקָא פַּסְקֵי קַרְנָא דִּתְכֶלְתָּא דְּחַד מִנַּיְהוּ' כַּנַּ"ל, אַף־עַל־פִּי־כֵן לֹא הָיָה יָכוֹל לְהַשְׁפִּילוֹ וְלָצֵאת מִתַּחַת בִּרְכָּיו, בְּחִינַת 'וְלָא מִסְתַּגֵּי לָן',

זַיין רֶער, זַיין וֶועג, פוּן וואוּ עֶר נֶעמְט זַיין חִיוּת, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ה), וְזֶהוּ: 'וְקָא פַּסְקֵי קַרְנָא דִּתְכֶלְתָּא' וְכוּ' הַיְנוּ שֶׁפָּסַק אַחַת מִן הַצִּיצִית שֶׁלָּהֶם עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁנִיטְן אֵיין עֶק פוּן דִי צִיצִית, שֶׁזֶּה בְּחִינַת דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן מַה שֶּׁפָּסַק וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעהַאקְט וְשִׁבֵּר הַמִּדָּה רָעָה שֶׁלָּהֶם אוּן צֶעבְּרָאכְן זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, שֶׁהוּא הַצִּנּוֹר שֶׁלָּהֶם וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר וֶועג אוּן רֶער פוּן וואוּ זֵיי שֶׁעפְּן חִיוּת, כִּי כָּל הַמִּדּוֹת רָעוֹת נִמְשָׁכִין מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת וַוייל אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת קוּמֶען פוּן דִי פִיר יְסוֹדוֹת שֶׁשָּׁרְשָׁם אַרְבַּע צִיצִית וָואס זֵייעֶר שׁוֹרֶשׁ אִיז פוּן דִי פִיר צִיצִית, פוּן דִי פִיר אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ה). 'וְלָא מִסְתַּגֵּי לָן' [אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייטֶער גֵיין], כְּלוֹמַר עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן אֲפִילוּ מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט צֶעבְּרָאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּנֶעם רָשָׁע, לֹא עָלְתָה לוֹ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט לְהַשְׁפִּיל אֶת הָרָשָׁע אוּנְטֶערְטֶענִיגְן דֶעם רָשָׁע, וְלָצֵאת מִתַּחַת בִּרְכָּיו אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְטֶער זַיינֶע קְנִיעֶן, אַף עַל פִּי כָאטְשִׁיג שֶׁפָּסַק וְשִׁבֵּר הַמִּדָּה רָעָה שֶׁל הָרָשָׁע עֶר הָאט אָפְּגֶעהַאקְט אוּן צֶעבְּרָאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּנֶעם רָשָׁע, שֶׁנִּמְשֶׁכֶת מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת וָואס קוּמְט פוּן דִי פִיר יְסוֹדוֹת שֶׁשָּׁרְשָׁם אַרְבַּע צִיצִית וָואס אִיז דִי פִיר אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אוּן דִי פִיר עֶקְן פוּן דִי צִיצִית, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער: 'וְקָא פַּסְקֵי קַרְנָא דִּתְכֶלְתָּא דְּחַד מִנַּיְהוּ' [אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁנִיטְן אֵיין עֶק צִיצִית פוּן אֵיינֶע פוּן זֵיי], אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אֵיינֶע פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, אֵיין עֶק פוּנֶעם טַלִּית, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אַף עַל פִּי כֵן מִיט דֶעם אַלֶעם, לֹא הָיָה יָכוֹל לְהַשְׁפִּילוֹ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אוּנְטֶערְטֶענִיגְן דֶעם רָשָׁע, וְלָצֵאת מִתַּחַת בִּרְכָּיו אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְטֶער זַיינֶע פִיס, בְּחִינַת דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער 'וְלָא מִסְתַּגֵּי לָן' [אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייטֶער גֵיין], שֶׁפֵּרוּשׁוֹ

שֶׁפֵּרוּשׁוֹ שֶׁלֹּא הָיוּ יְכוֹלִין לָצֵאת מִשָּׁם, הַיְנוּ כַּנַּ"ל. אָמַר לִי: דִּלְמָא שַׁקְלִית מִידֵי מִנַּיְהוּ? — הַיְנוּ, שֶׁמָּא יֵשׁ לְךָ אֶחָד מֵאַרְבַּע יְסוֹדוֹת שֶׁלֹּא תִּקַּנְתָּ בִּשְׁלֵמוּת לְהַפְרִיד מִמֶּנּוּ הָרָע לְגַמְרֵי, וְעַל כֵּן לָא מִסְתַּגֵּי לָן; כַּמְבֹאָר לְעֵיל, שֶׁכָּל זְמַן שֶׁנִּשְׁאָר בּוֹ אֵיזֶה אֲחִיזָה בְּעָלְמָא מֵהָרָע שֶׁל אֵיזֶה מִדָּה, אֵינוֹ יָכוֹל לְהַכְנִיעַ אֶת הָרָשָׁע. וְזֶהוּ: 'דִּלְמָא שַׁקְלִית מִידֵי מִנַּיְהוּ' — שֶׁמָּא לָקַחְתָּ קְצָת מֵהֶם, הַיְנוּ, שֶׁמָּא יֵשׁ בְּךָ עֲדַיִן אֵיזֶה אֲחִיזָה מֵאֵיזֶה מִדָּה רָעָה שֶׁל הָרְשָׁעִים, שֶׁלָּקַחְתָּ לְעַצְמְךָ אֵיזֶה מִדָּה וְתַאֲוָה שֶׁלָּהֶם, וְעַל כֵּן 'לָא מִסְתַּגֵּי לָן' — וְעַל כֵּן אֵין אָנוּ יְכוֹלִין לָצֵאת מֵהֶם כַּנַּ"ל.

דִּגְמִירֵי, דְּמָאן דְּשָׁקִיל מִידֵי מִנַּיְהוּ לָא מִסְתַּגֵּי לֵהּ. — הַיְנוּ כַּנַּ"ל, שֶׁיֵּשׁ לָנוּ קַבָּלָה, שֶׁכָּל מִי שֶׁלּוֹקֵחַ

דָאס טַייטְשְׁט שֶׁלֹּא הָיוּ יְכוֹלִין לָצֵאת מִשָּׁם אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם רָשָׁע, הַיְנוּ כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ה).

'אָמַר לִי: דִּלְמָא שַׁקְלִית מִידֵי מִנַּיְהוּ' [הָאט מִיר דֶער סוֹחֵר דֶער אַרַאבֶּער - וָואס אִיז דֶער צַדִּיק - גֶעזָאגְט: 'צִי דֶען הָאסְטוּ עֶפֶּעס גֶענוּמֶען פוּן זֵיי?'] הַיְנוּ דָאס מֵיינְט, שֶׁמָּא יֵשׁ לְךָ טָאמֶער הָאסְטוּ אֶחָד מֵאַרְבַּע יְסוֹדוֹת אֵיינֶע פוּן דִי פִיר יְסוֹדוֹת שֶׁלֹּא תִּקַּנְתָּ בִּשְׁלֵמוּת וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אִינְגַאנְצְן, לְהַפְרִיד מִמֶּנּוּ הָרָע לְגַמְרֵי אָפְּצוּטֵיילְן דָאס שְׁלֶעכְטְס אִינְגַאנְצְן, וְעַל כֵּן אוּן דֶערְפַאר 'לָא מִסְתַּגֵּי לָן' קֶענְסְטוּ אִים נִישְׁט מַכְנִיעַ זַיין? כַּמְבֹאָר לְעֵיל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ה), שֶׁכָּל זְמַן וַוייל וִוי לַאנְג שֶׁנִּשְׁאָר בּוֹ עֶס אִיז אִין אִים אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן, אֵיזֶה אֲחִיזָה בְּעָלְמָא עֶפֶּעס אַ פִינְטְל, מֵהָרָע שֶׁל אֵיזֶה מִדָּה פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, דָאס הֵייסְט אֲפִילּוּ נָאר בְּכֹּחַ - אֵינוֹ יָכוֹל לְהַכְנִיעַ אֶת הָרָשָׁע קֶען עֶר נִישְׁט אוּנְטֶערְטֶעניגְן דֶעם רָשָׁע, וְזֶהוּ דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער טַיְעָא דֶער צַדִּיק הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: 'דִּלְמָא שַׁקְלִית מִידֵי מִנַּיְהוּ' שֶׁמָּא לָקַחְתָּ קְצָת מֵהֶם טָאמֶער הָאסְטוּ גֶענוּמֶען עֶפֶּעס פוּן זֵיי, הַיְנוּ דָאס מֵיינְט מֶען שֶׁמָּא יֵשׁ בְּךָ עֲדַיִן טָאמֶער אִיז נָאךְ דָא אִין דִיר אֵיזֶה אֲחִיזָה עֶפֶּעס מֵאֵיזֶה מִדָּה רָעָה שֶׁל הָרְשָׁעִים פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי רְשָׁעִים, שֶׁלָּקַחְתָּ לְעַצְמְךָ אֵיזֶה מִדָּה וְתַאֲוָה שֶׁלָּהֶם וָואס דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען פוּן זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת אוּן תַּאֲווֹת, וְעַל כֵּן אוּן דֶערְפַאר 'לָא מִסְתַּגֵּי לָן' קֶענְסְטוּ נִישְׁט וַוייטֶער גֵיין, וְעַל כֵּן אוּן דֶערְפַאר אֵין אָנוּ יְכוֹלִין לָצֵאת מֵהֶם קֶענֶען מִיר נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן זֵיי? כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

'דִּגְמִירֵי דְּמָאן דְּשָׁקִיל מִידֵי מִנַּיְהוּ לָא מִסְתַּגֵּי לֵהּ' [וַוייל מִיר הָאבְּן אַ קַבָּלָה אַז דֶער וָואס נֶעמְט עֶפֶּעס פוּן זַיי קֶען נִישְׁט וַוייטֶער גֵיין], הַיְנוּ כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, שֶׁיֵּשׁ לָנוּ קַבָּלָה מִיר הָאבְּן אַ קַבָּלָה שֶׁכָּל מִי

לְעַצְמוֹ אֵיזֶה דְּבַר תַּאֲוָה וּמִדָּה רָעָה שֶׁל הָרְשָׁעִים, הַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ בּוֹ עֲדַיִן אֵיזֶה אֲחִיזָה מֵהַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלָּהֶן, אֵינוֹ יָכוֹל לָצֵאת מֵהֶם וּלְהַכְנִיעָם כַּנַּ"ל. אַזְלֵי אַהֲדַרְתֵּהּ — הַיְנוּ שֶׁהֶחֱזַרְתִּי מַה שֶּׁהָיָה אֶצְלִי אֵיזֶה מְעַט אֲחִיזַת הָרַע מֵהַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלָּהֶם, הֶחֱזַרְתִּי וְהִפְרַשְׁתִּי מִמֶּנִּי.

**וְהַדַר** מִסְתַּגֵּי לָן — שֶׁאָז עָלְתָה בְּיָדֵינוּ לָצֵאת מִתַּחַת בִּרְכָּיו לְהַכְנִיעוֹ וּלְהַשְׁפִּילוֹ; כַּמְבֹאָר לְעֵיל, שֶׁצַּדִּיק גָּמוּר שֶׁמַּפְרִישׁ מֵעַצְמוֹ כָּל אֲחִיזַת הָרַע שֶׁלָּהֶם לְגַמְרֵי, הוּא יָכוֹל לָצֵאת מֵהֶם וּלְהַכְנִיעָם וּלְהַשְׁפִּילָם, בִּבְחִינַת "מַשְׁפִּיל רְשָׁעִים עֲדֵי אָרֶץ" כַּנַּ"ל:

שֶׁלּוֹקֵחַ לְעַצְמוֹ אֵיזֶה דְּבַר תַּאֲוָה וּמִדָּה רָעָה שֶׁל הָרְשָׁעִים ווער עס נעמט זיך אַ תַּאֲוָה אָדער אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פון די רְשָׁעִים, הַיְנוּ דָאס מֵיינְט מֶען שֶׁיֵּשׁ בּוֹ עֲדַיִן אֵיזֶה אֲחִיזָה מֵהַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלָּהֶן ער איז נאכנישט אויסגעארבעט אינגאנצן פון די שלעכטע מידות, אֵינוֹ יָכוֹל לָצֵאת מֵהֶם קען ער נִישְׁט אַרויסְגֵיין פון זֵיי, וּלְהַכְנִיעָם און זֵיי מַכְנִיעַ זַיין, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אויסגעשמועסט (אות ה).

**פַארְצֵיילְט** רַבָּה בַּר בַּר חָנָא, 'אַזְלֵי אַהֲדַרְתֵּהּ' [בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען, אִיךְ הָאבּ צוּרִיק גֶעקֶערְט די עֶק פון די צִיצִית], הַיְנוּ דָאס מֵיינְט מֶען שֶׁהֶחֱזַרְתִּי אִיךְ הָאבּ צוּרִיק פַארְדְראכְטְן מַה שֶּׁהָיָה אֶצְלִי דָאס וָואס איז נאךְ געווען בַּיי מִיר אֵיזֶה מְעַט אֲחִיזַת הָרַע אָנְגֶעשְׁטֶעקְט אַבִּיסְל, פון מֵהַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלָּהֶם זֵייעֶרע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, הֶחֱזַרְתִּי וְהִפְרַשְׁתִּי מִמֶּנִּי אִיךְ הָאבּ דָאס צוּרִיק פַארְדְראכְטְן און אָפְּגֶעטֵיילְט פון מִיר אִינְגַאנְצְן די שְׁלֶעכְטְס.

'וְהַדַר מִסְתַּגֵּי לָן' [נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעקֶענְט וַוייטֶער גֵיין], שֶׁאָז און דֶעמָאלְט עָלְתָה בְּיָדֵינוּ איז אונז געלונגען לָצֵאת מִתַּחַת בִּרְכָּיו אַרויס צו גֵיין פון אוּנְטֶער זַיינֶע פִּיס, לְהַכְנִיעוֹ וּלְהַשְׁפִּילוֹ אִים צו מַכְנִיעַ זַיין און אוּנְטֶערְטֶענִיגְן, כַּמְבֹאָר לְעֵיל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אויסגעשמועסט, שֶׁצַּדִּיק גָּמוּר אַז דֶער צַדִּיק גָּמוּר שֶׁמַּפְרִישׁ מֵעַצְמוֹ וָואס הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, ער הָאט אָפְּגֶעטֵיילְט פון זִיךְ אִינְגַאנְצְן כָּל אֲחִיזַת הָרַע שֶׁלָּהֶם לְגַמְרֵי זֵייעֶר גַאנְצֶע שְׁלֶעכְטְס, הוּא יָכוֹל לָצֵאת מֵהֶם ער קֶען זִיךְ רֵייסְן מִיט די רְשָׁעִים און מֶען קֶען אִים נִישְׁט בֵּייקוּמֶען, וּלְהַכְנִיעָם וּלְהַשְׁפִּילָם און ער קֶען זֵיי אוּנְטֶערְטֶענִיגְן און דֶערְנִידֶערְן, אַרוֹיסְנֶעמֶען די שְׁלֶעכְטְס פון זֵיי און זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּבְחִינַת אַזוֹי וִוי עס שְׁטֵייט אין פָּסוּק 'מַשְׁפִּיל רְשָׁעִים עֲדֵי אָרֶץ' [דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְטֶערְטֶענִיגְט די רְשָׁעִים בִּיז צוּ דֶער עֶרְד] כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אויסגעשמועסט (אות ה).

**דֶער** רֶבִּי גֵייט יֶעצְט אַרֵיינְטַייטְשְׁן די גַאנְצֶע תּוֹרָה אִינֶעם פָּסוּק מִיט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן די תּוֹרָה,

וְזֶהוּ: רָאִיתִי וְהִנֵּה מְנוֹרַת זָהָב — הִיא הַתּוֹרָה, הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב. וְגֻלָּהּ עַל רֹאשָׁהּ — פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י: 'מַעְיָן', הוּא הַמַּעְיָן הַיּוֹצֵא מִבֵּית ה', הוּא הַתְּפִלָּה. וְשִׁבְעָה נֵרֹתֶיהָ — הֵם הַנְּשָׁמוֹת דְּאִתְרַבִּיאוּ בְּגַן, הַנֶּחֱלָקִים לְשֶׁבַע כִּתּוֹת *) שִׁבְעָה וְשִׁבְעָה מוּצָקוֹת — הֵם מ"ט אוֹרוֹת, שֶׁהוּא אוֹר הַגָּנוּז לֶעָתִיד (כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם), בְּחִינַת עֵדֶן עַיִן לֹא רָאֲתָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת

וְזֶהוּ און דָאס אַלֶעס איז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (זְכַרְיָ' ד, ב-ו) וָואס זְכַרְיָה הַנָּבִיא זָאגְט: 'רָאִיתִי וְהִנֵּה מְנוֹרַת זָהָב' אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ גַאנְצֶע גָאלְדֶענֶע מְנוֹרָה, הִיא הַתּוֹרָה דָאס מֵיינְט מֶען די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, 'הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב' (תְּהִלִּים יט, יא) וָואס אִיז מֶער בַּאלִיבְּט ווי גָאלְד, אויךְ גֶעפִינֶען מִיר אִין פָּסוּק (אִיּוֹב לז, כב): 'מִצָּפוֹן זָהָב' פוּן צָפוֹן זַייט פוּן די וֶועלְט קוּמְט די גָאלְד, און ווי אויבְן אויסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מֵיינְט אויךְ די וָוארְט 'צָפוֹן' די 'רוּחַ חַיִּים', די גֵייסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז 'צָפוּן' בַּאהַאלְטְן אין די תּוֹרָה.

'וְגֻלָּהּ עַל רֹאשָׁהּ' און איר שִׁיסְל איז אויף איר שְׁפִּיץ, פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י רַשִׁ"י זָאגְט, דָאס מֵיינְט 'מַעְיָן' אַ קְוָואל, הוּא הַמַּעְיָן דָאס איז די קְוָואל הַיּוֹצֵא מִבֵּית ה' וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הוֹיז, הוּא הַתְּפִלָּה דָאס מֵיינְט מֶען תְּפִלָּה; ווייל דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן - איז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּטְרִינְקֶען דֶעם גָארְטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען; דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער נָבִיא, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען די קְוָואל - תְּפִלָּה, אויף די גָאלְדֶענֶע מְנוֹרָה - תּוֹרָה; אַז דוּרְךְ תְּפִלָּה איז מֶען זוֹכֶה עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען די שֵׂכֶל צוּ פַארְשְׁטֵיין די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ מְבָרֵר זַיין הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה אַזוֹי ווי אויבְן אויסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

'וְשִׁבְעָה נֵרֹתֶיהָ' און די מְנוֹרָה הָאט גֶעהַאט אויף זִיךְ זִיבְּן לֶעכְטֶעלֶעךְ, וָואס אִין זֵיי גִיסְט מֶען אַרַיין די אוֹיל, הֵם הַנְּשָׁמוֹת דָאס זֶענֶען די נְשָׁמוֹת וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'נֵרוֹת', אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כ, כז): 'נֵר ה' נִשְׁמַת אָדָם' די נְשָׁמָה איז ווי אַ לֶעכְטְל, דְּאִתְרַבִּיאוּ בְּגַן וָואס די נְשָׁמוֹת וַואקְסְן אִינֶעם גָארְטְן, הַנֶּחֱלָקִים לְשֶׁבַע כִּתּוֹת און די נְשָׁמוֹת וֶוערְן צֶעטֵיילְט אין זִיבְּן גְרוּפֶּעס, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב תְּהִלִּים יא, ז): 'שֶׁבַע כִּתּוֹת שֶׁל צַדִּיקִים אֲשֶׁר תְּקַבֵּלְנָה אֶת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה', זִיבְּן גְרוּפֶּעס צַדִּיקִים וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַשְּׁכִינָה, 'שִׁבְעָה וְשִׁבְעָה מוּצָקוֹת' צוּ יֶעדְן לֶעכְטְל זֶענֶען גֶעוֶוען זִיבְּן רֶערְלֶעךְ וָואס דוּרְךְ זֵיי רִינְט די אוֹיל פוּנֶעם שִׁיסְל וָואס איז בַּיים שְׁפִּיץ, הֵם מ"ט אוֹרוֹת דָאס זֶענֶען די נַיין און פֶערְצִיג (49) לִיכְט, שֶׁהוּא אוֹר הַגָּנוּז לֶעָתִיד וָואס די לִיכְטִיגְקֵייט וֶועט שַׁיינֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, (כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם) אַזוֹי ווי רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט; יֶעדֶע לִיכְט פוּן די מְנוֹרָה הָאט זִיבְּן רֶערְן, וָואס פוּן זֵיי רִינֶען אַרַיין אִין די לֶעמְפֶּלֶעךְ אִינְאֵיינֶעם, און דָאס איז בְּחִינַת עֵדֶן די זִיסֶע טַעַם אִין לֶעבְּן וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַאַרְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'עַיִן לֹא רָאֲתָה' וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַתְּפִלָּה מֶען זוֹכְט

הַתְּפִלָּה כַּנַּ"ל. וּשְׁנַיִם זֵיתִים עָלֶיהָ — פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י: 'שְׁנֵי אִילָנוֹת', הַיְנוּ אִילָנָא דְחַיֵּי וְאִילָנָא דְמוֹתָא, הַיְנוּ טוֹב וָרָע כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ: אֶחָד מִיָּמִין וְאֶחָד מִשְּׂמֹאל — כַּנַּ"ל. "וּמִשָּׁם יִפָּרֵד", שֶׁנִּפְרָד הָרָע מֵהַטּוֹב, זֶה לְיָמִין וְזֶה לִשְׂמֹאל.

**וָאֹמַר** אֶל הַמַּלְאָךְ מָה אֵלֶּה. וַיַּעַן וְכוּ' לֹא בְחַיִל וְלֹא בְכֹחַ כִּי אִם בְּרוּחִי — הַיְנוּ בְּחִינַת הָרוּחַ־חַיִּים הַנַּ"ל,

זִיךְ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ און מֶען וֵויינְט צוּם אײבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צו לֶערְנֶען און פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, און די אוֹיגְן זָאלְן זֶען די סוֹדוֹת וָואס לִיגְט אין די תּוֹרָה, כַּנַּ"ל וָואס דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אַרײנְבְּרֶענְגֶען אין די וֶועלְט, אַלֶע זָאלְן דַאוֶוענֶען צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צו אִים, דָאס איז די 'אוֹר הַגָּנוּז' די בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, און אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן ווייסְן נִישְׁט פון די גְרִינְגֶע זִיסֶע עֵצוֹת, אַלֶע וָואלְטְן וֶוען גֶעקֶענְט דָאס טוּן, אָבֶּער עֶס איז דָא אַזוֹיפִיל מַחֲלֹקֶת אויף די הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה די סוֹד פון מָשִׁיחַ, מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, און דָאס הַאלְט צוּרִיק די גְאוּלָה.

'**וּשְׁנַיִם** זֵיתִים עָלֶיהָ' און צְוֵויי אײלְבִּירְטְן זֶענֶען נֶעבְּן איר, פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י און רַשִׁ"י זָאגְט: 'שְׁנֵי אִילָנוֹת' צְוֵויי זֵיתִים בֵּיימֶער, הַיְנוּ אִילָנָא דְחַיֵּי די בוֹים וָואס גֶעבְּט לֶעבְּן, וְאִילָנָא דְמוֹתָא און די בוֹים פון טוֹיט, הַיְנוּ טוֹב וָרָע די עֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרָע, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, ווייל די גוּטֶע - דָאס איז די רוּחַ חַיִּים וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּנֶעם צַדִּיק, און די שְׁלֶעכְטֶע איז די רוּחַ טוּמְאָה וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּנֶעם רַב דִּקְלִפָּה, וָואס איז קַשְׁיוֹת און סְפֵיקוֹת אוֹיפְן אײבֶּערְשְׁטְן, וְזֶהוּ און דָאס איז פְּשַׁט: 'אֶחָד מִיָּמִין' אײנְס פון די רֶעכְטֶע זַייט, דָאס איז די קְדוּשָּׁה, 'וְאֶחָד מִשְּׂמֹאל' און אײנְס פון די לִינְקֶע זַייט, דָאס איז די טוּמְאָה כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, און אַז אַ מֶענְטְשׁ איז זוֹכֶה צו דַאוֶוענֶען צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, עֶר גִיסְט אוֹיס זַיין הַארְץ, עֶר וֵויינְט און בֶּעט בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים - עֶפְּנְט זִיךְ אויף זַיין מֹחַ און עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין הֲלָכָה, און אַז מֶען לֶערְנְט הֲלָכָה מִיט אַ קְלָארֶע רֵיינֶע מֹחַ, דוּרְכְדֶעם - 'וּמִשָּׁם יִפָּרֵד' און פון דָארְט צֶעשֵׁיידְט עֶר זִיךְ שֶׁנִּפְרָד הָרָע מֵהַטּוֹב עֶס טֵיילְט זִיךְ אָפּ די שְׁלֶעכְטְס פון די גוּטְס, זֶה לְיָמִין דָאס צו רֶעכְטְס וְזֶה לִשְׂמֹאל און דָאס צו לִינְקְס.

**שְׁטֵייט** וַוייטֶער אין פָּסוּק: 'וָאֹמַר אֶל הַמַּלְאָךְ' הָאבּ איך גֶעזָאגְט פַארְן מַלְאָךְ, 'מָה אֵלֶּה' וָואס איז דָאס? 'וַיַּעַן' וְכוּ' הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: 'לֹא בְחַיִל' נִישְׁט מִיט קַיין מִילִיטֶער, 'וְלֹא בְכֹחַ' און נִישְׁט מִיט קַיין שְׁטַארְקְקֵייט איז מֶען מְנַצֵּחַ די רְשָׁעִים, 'כִּי אִם בְּרוּחִי' נָאר מִיט די גֵייסְט, הַיְנוּ דָאס מֵיינְט מֶען בְּחִינַת הָרוּחַ חַיִּים די לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אין די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הַנַּ"ל,

בְּחִינַת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'כֹּה אָמַר ה' מֵאַרְבַּע רוּחוֹת' פוּן דִי פִיר זַייטְן פוּן דִי וֶועלְט, 'בֹּאִי הָרוּחַ' וֶועט קוּמֶען דֶער לֶעבֶּעדִיגֶער גֵייסְט, אוּן דִי טוֹיטֶע וֶועלְן זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן, וְכוּ' כַּנַּ"ל. כִּי עַל יְדֵי תּוֹרָה וּתְפִלָּה וַוייל דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן דַאוֶונֶען שֶׁעַל יְדֵי זֶה וָואס דוּרְךְ דֶעם מְבָרְרִין הַטּוֹב מִן הָרַע כַּנַּ"ל טֵיילְט מֶען אָפּ דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי גוּטְס אַזוֹי וִוי אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, שֶׁזֶּה בְּחִינַת כָּל מַרְאֵה הַמְּנוֹרָה כַּנַּ"ל וָואס דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע נְבוּאָה וָואס דֶער נָבִיא הָאט גֶעזֶען, דִי נְבוּאָה פוּן דִי מְנוֹרָה, עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה לְרוּחַ הַחַיִּים צוּ בַּאקוּמֶען דִי רוּחַ חַיִּים, וְנִשְׁלָם כָּל הַחֶסְרוֹנוֹת כַּנַּ"ל אוּן עֶס וֶוערְן אָנְגֶעפִילְט אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת.

**בְּחִינַת "כֹּה אָמַר ה' מֵאַרְבַּע רוּחוֹת בֹּאִי הָרוּחַ" וְכוּ' כַּנַּ"ל; כִּי עַל־יְדֵי תּוֹרָה וּתְפִלָּה, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה מְבָרְרִין הַטּוֹב מִן הָרָע כַּנַּ"ל, שֶׁזֶּה בְּחִינַת כָּל מַרְאֵה הַמְּנוֹרָה כַּנַּ"ל, עַל־יְדֵי־זֶה זוֹכֶה לְרוּחַ הַחַיִּים וְנִשְׁלָם כָּל הַחֶסְרוֹנוֹת כַּנַּ"ל.**

**(וְזֶהוּ: "לֹא בְחַיִל וְלֹא בְכֹחַ כִּי אִם בְּרוּחִי אָמַר ה' צְבָאוֹת. מִי אַתָּה הַר הַגָּדוֹל לִפְנֵי זְרֻבָּבֶל לְמִישֹׁר" וְכוּ'**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה, אוֹת מז), זְכַרְיָה הַנָּבִיא הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין דִי זַאךְ פוּן דִי מְנוֹרָה, וָואס לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי מֶען וֶוערְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זְכַרְיָה הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דָא דִי צְוֵויי זֵיתִים בֵּיימֶער אוֹיף אִיר, אֵיינְס אַ גוּטֶע אוּן אֵיינְס אַ שְׁלֶעכְטֶע, אֵיינְס אַנְטְקֶעגְן עֵץ הַחַיִּים אוּן אֵיינְס אַנְטְקֶעגְן עֵץ הַמָּוֶת, וָואס דִי סִטְרָא אַחֲרָא אִיז זִיךְ כְּסֵדֶר מִתְגַּבֵּר אוֹיף דִי גוּטְס אוּן וַוארְפְט אַרָאפּ וְכוּ', הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט צְוֵויי מָאל 'מָה אֵלֶּה', וִוי אַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ בַּייצוּקוּמֶען אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת? הָאט אִים דֶער מַלְאָךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט 'לֹא בְחַיִל וְלֹא בְכֹחַ כִּי אִם בְּרוּחִי אָמַר ה' צְבָקוֹת' דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי רָצוֹן פוּן זַיין גוּט, דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט 'כִּי אִם בְּרוּחִי' נָאר מִיט דִי גוּטֶע וִוילְן, 'אָמַר ה' צְבָקוֹת', קוּק נָאךְ דָארְט.

מוֹהֲרַנַ"תְ לֵייגְט צוּ דִי קוּמֶענְדִיגֶע וֶוערְטֶער (וְזֶהוּ: אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'לֹא בְחַיִל' נִישְׁט מִיט קַיין מִילִיטֶער, 'וְלֹא בְכֹחַ' אוּן נִישְׁט מִיט כֹּחַ, 'כִּי אִם בְּרוּחִי' נָאר מִיט מַיין וִוילְן 'אָמַר ה' צְבָאוֹת' הָאט גֶעזָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דֶער הַאר אִיבֶּער דִי הֶערְשַׁאפְטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַרַיינְגֶעבְּן אַ וִוילְן אִין קֶענִיג דָּרְיָוֶשׁ עֶר זָאל צוּ הֶעלְפְן צוּ בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק: 'מִי אַתָּה הַר הַגָּדוֹל' וֶוער מֵיינְסְטוּ דוּ בִּיסְט דִי גְרוֹיסֶער בַּארְג, דִי אַלֶע וָואס שְׁטֶערְן דָאס בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, 'לִפְנֵי זְרֻבָּבֶל' פַאר זְרֻבָּבֶל וֶועסְטוּ זַיין אַזוֹי וִוי 'לְמִישֹׁר' אַ גְלַייכֶער אָרְט, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען שְׁטֶערְן דָאס בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וְכוּ',

**כִּי זְרֻבָּבֶל הָיָה אָז הַצַּדִּיק־הַדּוֹר, וְעָמְדוּ כְּנֶגְדּוֹ כַּמָּה רְשָׁעִים לְבַטְּלוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ, כַּמְבֹאָר בִּפְסוּקִים רַבִּים. וְעַל זֶה נֶאֱמַר שָׁם: "לֹא בְחַיִל וְלֹא בְכֹחַ כִּי אִם בְּרוּחִי" וְכוּ', שֶׁעַל־יְדֵי בְּחִינַת הַמְשָׁכַת הָרוּחַ־חַיִּים הַנַּ"ל שֶׁמַּמְשִׁיךְ הַצַּדִּיק הַגָּמוּר וְכוּ' כַּנַּ"ל, עַל־יְדֵי־זֶה יַכְנִיעַ וְיַפִּיל כָּל הַשּׂוֹנְאִים, בְּחִינַת "מִי אַתָּה הַר הַגָּדוֹל לִפְנֵי זְרֻבָּבֶל לְמִישֹׁר", שֶׁכָּל הַמּוֹנְעִים הָעוֹמְדִים לְפָנָיו כְּהַר, כֻּלָּם יִתְבַּטְּלוּ עַל־יְדֵי בְּחִינַת הָרוּחַ־חַיִּים הַנַּ"ל, כַּנַּ"ל).**

**ט וְהִנֵּה מְבֹאָר לְמַעְלָה, כִּי הָרוּחַ־חַיִּים הוּא בְּהַתּוֹרָה, בְּחִינַת "וְרוּחַ אֱלֹקִים מְרַחֶפֶת**

כִּי זְרֻבָּבֶל הָיָה אָז הַצַּדִּיק הַדּוֹר ווייל זְרֻבָּבֶל איז גֶעוֶוען דֶער צַדִּיק פוּנֶעם דוֹר, וְעָמְדוּ כְּנֶגְדּוֹ און עֶס זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען קֶעגְן אִים, כַּמָּה רְשָׁעִים אַפָּאר רְשָׁעִים לְבַטְּלוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ אִים שְׁטֶערְן פוּן זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אוֹיפְצוּבוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, כַּמְבֹאָר בִּפְסוּקִים רַבִּים אַזוֹי ווִי עֶס ווערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין דִי פִילֶע פְּסוּקִים אִין סֵפֶר נְחֶמְיָה, וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לח.) זְרֻבָּבֶל אִיז נְחֶמְיָה וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און עֶס זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען קֶעגְן אִים דִי רְשָׁעִים סַנְבַלַּט הַחֲרֹנִי, טוֹבִיָּה עֶבֶד עַמּוֹנִי און גֶשֶׁם הָעַרְבִי, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט פוּן אִים וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, און עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט און גֶעשְׁטַארְקְט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וְעַל זֶה נֶאֱמַר שָׁם און אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט דָארְט 'לֹא בְחַיִל' נִישְׁט מִיט קַיין מִילִיטֶער, 'וְלֹא בְכֹחַ' און נִישְׁט מִיט כֹּחַ, 'כִּי אִם בְּרוּחִי' נָאר מִיט מַיין ווִילְן וְכוּ', שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת הַמְשָׁכַת הָרוּחַ חַיִּים הַנַּ"ל שֶׁמַּמְשִׁיךְ הַצַּדִּיק הַגָּמוּר וְכוּ' כַּנַּ"ל, ווייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען צִיט צוּ זִיךְ דִי רוּחַ חַיִּים פוּן דִי תּוֹרָה און דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַל יְדֵי זֶה יַכְנִיעַ וְיַפִּיל כָּל הַשּׂוֹנְאִים דוּרְכְדֶעם הָאבְּן אַלֶע שׂוֹנְאִים אַ מַפָּלָה און עֶס ווערְט מְקוּיָם וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בְּחִינַת 'מִי אַתָּה הַר הַגָּדוֹל' ווער מֵיינְסְטוּ דוּ בִּיסְט דוּ גְרוֹיסֶער בַּארְג, 'לִפְנֵי זְרֻבָּבֶל' פַאר דֶעם צַדִּיק זְרֻבָּבֶל ווֶעסְטוּ זַיין אַזוֹי ווִי 'לְמִישֹׁר' אַ גְלַייכֶער אָרְט, זֵיי ווֶעלְן אִים נִישְׁט קֶענֶען שְׁטֶערְן, שֶׁכָּל הַמּוֹנְעִים הָעוֹמְדִים לְפָנָיו כְּהַר און דִי אַלֶע וָואס שְׁטֵייעֶן קֶעגְן אִים און שְׁטֶערְן אִים פוּן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, כֻּלָּם יִתְבַּטְּלוּ אַלֶע ווֶעלְן בָּטֵל ווערְן עַל יְדֵי בְּחִינַת הָרוּחַ חַיִּים הַנַּ"ל דוּרְךְ דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט וָואס דֶער צַדִּיק צִיט צוּ זִיךְ פוּן דִי תּוֹרָה כַּנַּ"ל).

## ט.

**יֶעצְט** לֵייגְט דֶער רֶבִּי צוּ דִי זַאךְ וָואס דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם. **וְהִנֵּה מְבֹאָר לְמַעְלָה** עֶס ווערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט פְרִיעֶר אִין דִי תּוֹרָה **כִּי הָרוּחַ חַיִּים הוּא בְּהַתּוֹרָה** אַז דִי רוּחַ חַיִּים לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה, **בְּחִינַת** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: **'וְרוּחַ אֱלֹקִים מְרַחֶפֶת עַל**

"עַל-פְּנֵי הַמָּיִם" כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן בְּמִצְרַיִם, שֶׁהָיָה קֹדֶם קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וְלֹא הָיָה לָהֶם מֵהֵיכָן לְקַבֵּל הָרוּחַ-חַיִּים, נֶאֱמַר בָּהֶם (שְׁמוֹת ו): "מִקֹּצֶר רוּחַ", כִּי לֹא הָיָה לָהֶם מֵאַיִן לְקַבֵּל הָרוּחַ-חַיִּים שֶׁהוּא בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם, מַאֲרִיךְ רוּחֵהּ כַּנַּ"ל, וְעַל כֵּן נֶאֱמַר בָּהֶם 'מִקֹּצֶר רוּחַ', שֶׁהוּא הֶפֶךְ אֶרֶךְ אַפַּיִם, שֶׁהוּא בְּחִינַת הָרוּחַ-חַיִּים שֶׁמַּמְשִׁיכִין עַל-יְדֵי אֲנָחָה לְהַשְׁלִים הַחִסָּרוֹן כַּנַּ"ל, כִּי הָרוּחַ הוּא שְׁלֵמוּת הַחִסָּרוֹן כַּנַּ"ל, בְּחִינַת "וְיִתֶּן לְךְ מִשְׁאֲלֹת לִבֶּךְ".

פְּנֵי הַמָּיִם' דער גייסט פונעם אייבערשטן האט געשוועבט אויף די וואסער, כַּנַּ"ל אזוי ווי אויבן אויסגעשמועסט (אות ב), וְעַל כֵּן און דערפאר, בְּמִצְרַיִם ווען די אידן זענען געווען אין מִצְרַיִם, שֶׁהָיָה קֹדֶם קַבָּלַת הַתּוֹרָה נאך איידער דער אייבערשטער האט געגעבן די תּוֹרָה, וְלֹא הָיָה לָהֶם מֵהֵיכָן לְקַבֵּל הָרוּחַ חַיִּים און די אידן האבן נישט געהאט פון וואו צו נעמען לופט צו אטעמען, ווייל זיי האבן נישט געהאט די תּוֹרָה, נֶאֱמַר בָּהֶם שטייט ביי זיי די פָּסוּק (שְׁמוֹת ו, ט) די אידן האבן נישט צוגעהערט צו משֶׁה רַבֵּינוּ, 'מִקֹּצֶר רוּחַ' פון זייער קורצע אטעם, כִּי לֹא הָיָה לָהֶם מֵאַיִן לְקַבֵּל הָרוּחַ חַיִּים ווייל זיי האבן נישט געהאט פון וואו צו נעמען די רוח חיים, שֶׁהוּא בְּחִינַת וואס די רוח חיים איז – 'אֶרֶךְ אַפַּיִם' די מִדָּה פון אֶרֶךְ אַפַּיִם, מַאֲרִיךְ רוּחֵהּ א לאנגע אטעם, צו קענען ליידן און זיך דערהאלטן כַּנַּ"ל אזוי ווי אויבן אויסגעשמועסט, וְעַל כֵּן נֶאֱמַר בָּהֶם דערפאר שטייט ביי זיי, זיי האבן נישט אויסגעהערט משֶׁה רַבֵּינוּ 'מִקֹּצֶר רוּחַ' פון א קורצע אטעם שֶׁהוּא הֶפֶךְ 'אֶרֶךְ אַפַּיִם' וואס דאס איז פארקערט פון 'אֶרֶךְ אַפַּיִם' א לאנגע אטעם, שֶׁהוּא בְּחִינַת וואס דאס מיינט הָרוּחַ חַיִּים די לעבעדיגע גייסט, שֶׁמַּמְשִׁיכִין וואס מען קען באקומען, עַל יְדֵי אֲנָחָה דורך זיך אויסקרעכצן צום אייבערשטן, לְהַשְׁלִים הַחִסָּרוֹן און צו ערפילן אלעס וואס פעלט, כַּנַּ"ל אזוי ווי אויבן אויסגעשמועסט (אות א), כִּי הָרוּחַ הוּא שְׁלֵמוּת הַחִסָּרוֹן ווייל ווען מען איז זוכה צו באקומען די לעבעדיגע גייסט וואס די צַדִּיקִים נעמען פון די תּוֹרָה – קומט מען צו זען ווי מען האט אלעס, עס פעלט גארנישט, כַּנַּ"ל אזוי ווי אויבן אויסגעשמועסט, בְּחִינַת אזוי ווי עס שטייט (תְּהִלִּים לז, ד): 'וְיִתֶּן לְךְ מִשְׁאֲלֹת לִבֶּךְ' דער אייבערשטער וועט דיר געבן דיינע באגערן פון הארץ.

[אמאל האט דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו געפרעגט זיין טאכטער, וואס מאכן מיינע ברידער אין אוקריינא? האט זי געזאגט, טאטע די אידן אין אוקריינא ליידן געפערליך, זיי ליידן נאך מער ווי די אידן האבן געליטן אין מִצְרַיִם. האט דער הייליגער צַדִּיק געזאגט: 'טאכטער טייערע, ערגער פון מִצְרַיִם קען נישט זיין, אין מִצְרַיִם האבן די אידן נישט געהאט די הייליגע תּוֹרָה מיט וואס זיך מְחַיֶּה צו זיין, היינט האבן מיר א תּוֹרָה, וואס געבט לעבן, מען האט פון וואו זיך מְחַיֶּה צו זיין'; דאס איז וואס דער רבי

**וְזֶהוּ** בְּחִינַת: "הַרְחֶב פִּיךָ וַאֲמַלְאֵהוּ"— שֶׁנִּתְמַלֵּא הַחִסָּרוֹן.

**וְזֶהוּ** בְּחִינַת מְלָאפוּם — מְלֹא פּוּם. וְהָעִנְיָן, כִּי מְלָאפוּם הוּא יוּד וָאו, וְהוּא בְּחִינַת יוּ"ד מִינֵי דְּפִיקִין, כְּנֶגֶד יוּ"ד הַדִּבְּרוֹת. וְהַדֹּפֶק הוּא עַל-יְדֵי הָרוּחַ, כַּיָּדוּעַ. וְעַל כֵּן הֵם עֲשָׂרָה מִינֵי דְּפִיקִין, כְּנֶגֶד עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, כִּי הָרוּחַ שֶׁהוּא הַדֹּפֶק הוּא בְּהַתּוֹרָה כַּנַּ"ל, וְהַוָּאו הוּא בְּחִינַת הַמְשָׁכַת הָרוּחַ. וְהַיְנוּ מְלָאפוּם — מְלֹא פּוּם כִּי עַל-

זאָגט דָא, אַז דִי רוּחַ חַיִּים בַּאקוּמְט מֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, תּוֹרָה גֶעבְּט לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, דָאס הָאט גֶעפֶעלְט פַאר דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם].

**דֶער** רֶבִּי לֵייגְט צוּ אוּן גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶוערְט עֶרְפִילְט אַלֶעס וָואס פֶעלְט דֶעם מֶענְטְשׁ, וְזֶהוּ בְּחִינַת דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פא, יא): 'הַרְחֶב פִּיךָ' עֶפְן אוֹיף בְּרֵייט דַיין מוֹיל, גֶעבּ אַ קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, 'וַאֲמַלְאֵהוּ' אוּן אִיךְ וֶועל עֶרְפִילְן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, שֶׁנִּתְמַלֵּא הַחִסָּרוֹן וַוייל דוּרְךְ זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן וֶוערְט עֶרְפִילְט אַלֶעס וָואס פֶעלְט דֶעם מֶענְטְשׁ; אוּן עֶר כַאפְּט אָן דִי לָשׁוֹן 'וַאֲמַלְאֵהוּ', וְזֶהוּ בְּחִינַת דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן 'מְלָאפוּם' פוּן דִי נְקוּדָה מְלָאפוּם, מְלָאפוּם אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מְלֹא פּוּם וָואס דִי טַייטְשׁ פוּן 'מְלֹא פּוּם' אִיז 'אַ פוּלֶע מוֹיל'. וְהָעִנְיָן אוּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁיְיכוּת פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייט דֶער רֶבִּי מַסְבִּיר זַיין, כִּי מְלָאפוּם וַוייל דִי נְקוּדָה פוּן 'מְלָאפוּם' הוּא יוּ"ד וָא"ו אִיז אַן אוֹת 'י' מִיט אוֹת ו', [דִי פִּינְטְל אִיז אַזוֹי וִוי דִי אוֹת 'י' וָואס לִיגְט אִינְמִיטְן פוּנֶעם אוֹת ו'], אַזוֹי [וּ], וְהוּא אוּן דִי קְלֵיינֶע פִּינְטְל

בְּחִינַת אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי יוּ"ד מִינֵי דְּפִיקִין צֶען עֶרְלֵיי פּוּלְס וָואס קְלַאפְּט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, כְּנֶגֶד וָואס אִיז אַנְטְקֶעגְן יוּ"ד הַדִּבְּרוֹת דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, וְהַדֹּפֶק אוּן דִי פּוּלְס וָואס קְלַאפְּט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, הוּא עַל יְדֵי הָרוּחַ דָאס קוּמְט פוּנֶעם גֵייסְט וָואס שְׁטוּפְּט אַרַיין דִי בְּלוּט אִין דִי גְלִידֶער, כַּיָּדוּעַ אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוּוּסְט, אוּן לוֹיט וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ רוּקְט זִיךְ אוּן שָׁאקְלְט זִיךְ דוּרְךְ זַיין רוּחַ חַיִּים - אַזוֹי קְלַאפְּט דִי פּוּלְס אִין אִים, וְעַל כֵּן קוּמְט אוֹיס הֵם עֲשָׂרָה מִינֵי דְּפִיקִין אַז זֵיי זֶענֶען צֶען עֶרְלֵיי פּוּלְס כְּנֶגֶד עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת אַנְטְקֶעגְן דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, כִּי הָרוּחַ שֶׁהוּא הַדֹּפֶק הוּא בְּהַתּוֹרָה וַוייל דֶער לֶעבֶּעדִיגֶער גֵייסְט וָואס מַאכְט דִי פּוּלְס אִיז אִין דִי תּוֹרָה, כַּנַּ"ל אוּן פוּן דִי תּוֹרָה בַּאקוּמְט מֶען דִי רוּחַ חַיִּים.

**וְהַוָּאו** אוּן דִי אוֹת ו' פוּנֶעם מְלָאפוּם, הוּא בְּחִינַת הַמְשָׁכַת הָרוּחַ דָאס בְּרֶענְגְט דִי רוּחַ חַיִּים, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (פְּסָחִים ה.) אַז דִי אוֹת ו' אִיז מוֹסִיף עַל עִנְיָן רִאשׁוֹן, עֶס לֵייגְט צוּ מֶער אוֹיף וָואס עֶס שְׁטֵייט, זֶעט מֶען אַז דִי אוֹת ו' אִיז דָאס וָואס צִיט צוּ זִיךְ זַאכְן, וְהַיְנוּ מְלָאפוּם דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ פוּן דִי וָוארְט מְלָאפוּם מְלֹא פּוּם אַ

יְדֵי הַמַּחֲשָׁבַת הָרוּחַ נִשְׁלָם הַחִסָּרוֹן, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת "הַרְחֶב פִּיךָ וַאֲמַלְאֵהוּ" — שֶׁנִּתְמַלֵּא הַחִסָּרוֹן כַּנַּ"ל, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת מְלָאפוּם — מְלֹא פּוּם כַּנַּ"ל.

וְזֶהוּ שֶׁדִּקְדֵּק: (תְּהִלִּים פ"א): "אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם", וְקִבְּלוּ הַתּוֹרָה אֲשֶׁר שָׁם הָרוּחַ, וַאֲזַי דַּיְקָא "הַרְחֶב פִּיךָ וַאֲמַלְאֵהוּ", בְּחִינַת מְלָאפוּם כַּנַּ"ל, בְּחִינַת שְׁלֵמוּת הַחִסָּרוֹן. כִּי דַּיְקָא אַחַר יְצִיאַת מִצְרַיִם, בְּחִינַת "הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם", שֶׁאָז נִתְבַּטֵּל בְּחִינַת מֹקֶצֶר רוּחַ הַנַּ"ל, כִּי קִבְּלוּ הַתּוֹרָה שֶׁשָּׁם הָרוּחַ־חַיִּים כַּנַּ"ל, עַל כֵּן אָז דַּיְקָא: "הַרְחֶב פִּיךָ וַאֲמַלְאֵהוּ", בְּחִינַת שְׁלֵמוּת

פוּלֶע מוֹיל, כִּי עַל יְדֵי הַמַּחֲשָׁבַת הָרוּחַ ווייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען צִיט אַרַיין אַ טִיפֶע פוּלֶע אָטֶעם און מֶען קְרֶעכְצְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - נִשְׁלָם הַחִסָּרוֹן ווערְט עֶרְפִילְט אַלֶעס וָואס פֶעלְט, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'הַרְחֶב פִּיךָ' עֶפְן אוֹיף בְּרֵייט דַיין מוֹיל, גֶעב אַ קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וַאֲמַלְאֵהוּ' און אִיךְ וֶועל עֶרְפִילְן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, 'שֶׁנִּתְמַלֵּא הַחִסָּרוֹן' עֶס וֶועט ווערן עֶרְפִילְט אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת א), שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת מְלָאפוּם וָואס דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ פוּן דִי וָוארְט מְלָאפוּם, מְלֹא פּוּם אַ פוּלֶע מוֹיל כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי פְּרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. וְזֶהוּ שֶׁדִּקְדֵּק און דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק דְרוּקְט (תְּהִלִּים פ"א, יא): 'אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ' אִיךְ בִּין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַיין גָאט 'הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם' וָואס הָאט דִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן לַאנְד מִצְרַיִם, וְקִבְּלוּ הַתּוֹרָה און זֵיי הָאבְן גֶענוּמֶען דִי תּוֹרָה, אֲשֶׁר שָׁם הָרוּחַ וָואס אִין אִיר לִיגְט דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַאֲזַי דַּיְקָא און נָאכְדֶעם אַז מֶען הָאט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִין אִיר אִיז בַּאהַאלְטְן דִי רוּחַ אֱלֹקִים, זָאגְט דֶער פָּסוּק 'הַרְחֶב פִּיךָ וַאֲמַלְאֵהוּ' עֶפְן אוֹיף בְּרֵייט דַיין מוֹיל, גֶעב אַ קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וַאֲמַלְאֵהוּ' אִיךְ וֶועל עֶרְפִילְן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, בְּחִינַת מְלָאפוּם אַ פוּלֶע מוֹיל, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי פְּרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, בְּחִינַת שְׁלֵמוּת הַחִסָּרוֹן אַז עֶס וֶועט וֶוערְן עֶרְפִילְט אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת, כִּי דַּיְקָא אַחַר יְצִיאַת מִצְרַיִם ווייל דַוְקָא נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, בְּחִינַת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט 'הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם' וָואס הָאט דִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן לַאנְד מִצְרַיִם, שֶׁאָז נִתְבַּטֵּל וָואס דֶעמָאלְט אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן בְּחִינַת מֹקֶצֶר רוּחַ זֵייעֶר קוּרְצֶע אָטֶעם, הַנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, כִּי קִבְּלוּ הַתּוֹרָה ווייל זֵיי הָאבְן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה שֶׁשָּׁם הָרוּחַ חַיִּים וָואס אִין דִי תּוֹרָה לִיגְט דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ב), עַל כֵּן דֶערְפַאר, אָז דַּיְקָא דַוְקָא דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וָואס עֶס שְׁטֵייט 'הַרְחֶב פִּיךָ וַאֲמַלְאֵהוּ' עֶפְן אוֹיף בְּרֵייט דַיין מוֹיל, גֶעב

**הַחִסָּרוֹן, בְּחִינַת מְלֹא פּוּם, בְּחִינַת "יְמַלֵּא ה' כָּל מִשְׁאֲלוֹתֶיךָ" כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן נִזְכָּר יְצִיאַת מִצְרַיִם בְּפָרָשַׁת צִיצִית, כִּי צִיצִית בְּחִינַת הָרוּחַ־חַיִּים, בְּחִינַת מֵאַרְבַּע רוּחוֹת וְכוּ' כַּנַּ"ל.**

**גַּם דִּבֵּר אָז מֵעִנְיַן שְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה שְׁעוֹת הַיּוֹם וּשְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה שְׁעוֹת הַלַּיְלָה, שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם שְׁנֵים־עָשָׂר צֵרוּפֵי הֲוָיָ"ה, בְּכָל שָׁעָה יֵשׁ צֵרוּף אַחֵר, וְכָל שָׁעָה נֶחֱלֶקֶת לְתתר"ף חֲלָקִים, וְכָל**

א קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וַאֲמַלְאֵהוּ' אִיךְ וֶועל עֶרְפִילְן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, בְּחִינַת שְׁלֵמוּת הַחִסָּרוֹן אַז עֶס וֶועט וֶוערְן עֶרְפִילְט אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת, בְּחִינַת מְלֹא פּוּם אַ פוּלֶע מוֹיל, בְּחִינַת 'יְמַלֵּא ה' כָּל מִשְׁאֲלוֹתֶיךָ' כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, וְעַל כֵּן אוּן דֶערְפַאר נִזְכָּר יְצִיאַת מִצְרַיִם בְּפָרָשַׁת צִיצִית שְׁטֵייט אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן צִיצִית (בַּמִּדְבָּר טו, מא): 'אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וְגוֹ'' אִיךְ בִּין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט עֶנְק אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן לַאנְד מִצְרַיִם, כִּי צִיצִית בְּחִינַת הָרוּחַ חַיִּים ווייל דִי צִיצִית בְּרֶענְגְט אַ רוּחַ חַיִּים, בְּחִינַת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט 'מֵאַרְבַּע רוּחוֹת וְכוּ'' פוּן דִי פִיר זַייטְן פוּן דִי וֶועלְט, (וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ מְרַמֵּז אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית וָואס אִיז אוֹיף דִי פִיר עֶקְן פוּן דִי קְלֵייד, אַזוֹי וִוי דִי פִיר זַייטְן פוּן דִי וֶועלְט), כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ז).

גַּם דִּבֵּר אָז אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט מֵעִנְיַן פוּן דִי זַאךְ שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה שְׁעוֹת הַיּוֹם פוּן דִי צְוֶועלְף שָׁעָה פוּן בַּייטָאג, וּשְׁתֵּים עֶשְׂרֵה שְׁעוֹת הַלַּיְלָה אוּן פוּן דִי צְוֶועלְף שָׁעָה פוּן דִי נַאכְט, שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם וָואס אִיז דָא אִין זֵיי שְׁנֵים עָשָׂר צֵרוּפֵי הֲוָיָ"ה צְוֶועלְף וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ שְׁרַייבְן דֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה, בְּכָל שָׁעָה יֵשׁ צֵרוּף אַחֵר יֶעדֶע שָׁעָה אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען שְׁרַייבְּט דֶעם הֵיילִיגְן נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְכָל שָׁעָה אוּן יֶעדֶע שָׁעָה נֶחֱלֶקֶת וֶוערְט צֶעטֵיילְט לְתתר"ף חֲלָקִים אוֹיף טוֹיזְנְט אוּן אַכְצִיג חֲלָקִים (1080), קוּק אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ (שַׁעַר הָאוֹתִיּוֹת, אוֹת ה) וואו עֶר אִיז מַסְבִּיר וִוי אַזוֹי פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא וֶוערְט טוֹיזְנְט אַכְצִיג חֲלָקִים; אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה, דִי אוֹת יוּ"ד, וָואס בַּאטְרֶעפְט צְוָואנְצִיג (20) וֶוען מֶען שְׁרַייבְּט עֶס אַרוֹיס אַזוֹי: יוּ"ד. יֶעצְט אַז דוּ וֶועסְט עֶס דָאפְּלֶען, דָאס הֵייסְט צְוָואנְצִיג מָאל יוּ"ד (דָאס הֵייסְט צְוָואנְצִיג מָאל צְוָואנְצִיג) וֶועט אוֹיסְקוּמֶען דִי חֶשְׁבּוֹן פִיר הוּנְדֶערְט (400), נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ נֶעמֶען נָאכְאַמָאל דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹת יוּ"ד, וָואס אִיז צְוָואנְצִיג אוּן דָאפְּלֶען צְוָואנְצִיג מָאל דִי אוֹת הֵ"א, וָואס בַּאטְרֶעפְט זֶעקְס (6), וֶועט אוֹיסְקוּמֶען דִי חֶשְׁבּוֹן הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג (120), נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ נֶעמֶען נָאכְאַמָאל דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹת יוּ"ד, וָואס אִיז צְוָואנְצִיג, אוּן דָאפְּלֶען דִי אוֹת וָי"ו, וָואס בַּאטְרֶעפְט צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג (22), וֶועט אוֹיסְקוּמֶען דִי חֶשְׁבּוֹן פִיר הוּנְדֶערְט אוּן

פערציג (440). נאכדעם זאלסטו נעמען נאכאמאל די ערשטע אות יו"ד וואס איז צוואנציג און דאפלען די לעצטע אות ה"א וואס באטרעפט זעקס (6), וועט אויסקומען די חשבון הונדערט און צוואנציג (120), אינאיינעם 400, 120, 440 און 120 - איז תתר"ף, טויזנט און אכציג (1080), דאס איז מרומז אינעם פסוק (ישעיה כז, ד): 'אפשעה בה', דאס איז די אותיות א' פ' שעה, א' איז אלף - טויזנט, פ' איז אכציג, דערנאך בלייבט די אותיות 'שעה', וכל חלק וחלק מתתר"ף חלקים און אין יעדע חלק פון די טויזנט און אכציג חלקים - יש בו גם כן צרוף השם איז דא אין זיי דעם שם הוי"ה, וכל זה הוא בחינת רוח החיים שבהדפק און פונעם שם הוי"ה ברוך הוא קומט די פולס וואס קלאפט אינעם הארץ וואס פון דעם קומט די רוח חיים. **ולא** זכיתי און איך האב נישט זוכה געווען לשמע באור ענין זה היטב צו הערן גוט די ערקלערונג פון דעם ענין, גם שכחתי קצת מזה אויך האב איך פארגעסן אביסל פון דעם, והמשכילים יבינו און די קלוגע זאלן פארשטיין.

חלק וחלק מתתר"ף חלקים יש בו גם כן צרוף השם, וכל זה הוא בחינת רוח החיים שבהדפק. ולא זכיתי לשמע באור ענין זה היטב. גם שכחתי קצת מזה, והמשכילים יבינו.

"**רכב** אלקים רבתים אלפי שנאן" (תהלים ס"ח), 'אלפי' — בחינת אלופי עשו, ועל־ידי 'רכב אלקים רבתים' — בחינת קבלת התורה, שמשם מקבלין הרוח־חיים הרבנים דקדשה — על־ידי־זה 'אלפי שנאן', כמו שדרשו חכמינו, זכרונם לברכה (עבודה זרה ג:): 'אל תקרי שנאן אלא שאינן', היינו שעל־ידי קבלת התורה, ששם הרוח דהרב

**שפעטער** האט דער רבי צוגעלייגט אז די גאנצע תורה איז מרומז אינעם פסוק: 'רכב אלקים' די רייטוועגענער פון אייבערשטן 'רבתים' זענען צען טויזנט 'אלפי שנאן' שארפע מלאכים (תהלים ס"ח, יח), 'אלפי' די ווארט 'אלפי' בחינת איז מרמז אויף 'אלופי עשו' די הארן פון עשו, ('אלפי' טייטשט 'פירער'), ועל ידי און דורך 'רכב אלקים רבתים' די צען טויזנט רייטוועגענער בחינת וואס די פסוק שמועסט, וואס איז געווען קבלת התורה ביי קבלת התורה, שמשם מקבלין הרוח חיים הרבנים דקדשה וואס פון דארט נעמען די הייליגע צדיקים זייער לעבעדיגע גייסט, על ידי זה דורכדעם ווערט 'אלפי שנאן' 'אלפי שנאן', כמו שדרשו חכמינו זכרונם לברכה וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עבודה זרה ג:): 'אל תקרי שנאן' ליין נישט די פסוק 'שנאן' 'אלא שאינן' נאר 'שאינן' (זיי זענען נישט), היינו דאס קומט אונז זאגן שעל ידי קבלת התורה דורכדעם וואס מען לערנט די הייליגע תורה, ששם הרוח דהרב דקדשה וואס דארט אין די תורה ליגט

דקדשה, על־ידי־זה נתבטלין ונכנעין אלופי עשו, רברבי עשו, שהם בחינת הרב דקלפה, בבחינת 'אלפי שאינן', שאלופי עשו, רברבי עשו, נתבטלין ואינן:

"מכנף הארץ זמרת שמענו צבי לצדיק ואמר רזי־לי רזי־לי אוי לי, בגדים בגדו ובגד בוגדים בגדו" (ישעיהו כ"ד). "מכנף הארץ" — זה בחינת כנפי הציצית, ששם הרוח־חיים, שהוא בחינת כנור של דוד שהיה מנגן על־ידי הרוח צפונית וכו' כנ"ל, כי הנגינה והזמירות נמשכין מהרוח־חיים שבכנפי ריאה כידוע. וזהו: "זמרת שמענו",

באהאלטן די לעבעדיגע גייסט פון די הייליגע צדיקים, על ידי זה דורכדעם נתבטלין ונכנעין 'אלופי עשו' ווערן די פאלשע פירער אונטערטעניגט און בטל, רברבי עשו די רבי"ס פון עשו, שהם בחינת הרב דקליפה וואס זענען ווי שאלאכטס וואס פארשטעלן דעם אייבערשטן, זיי זענען בבחינת 'אלפי שאינן', פירער וואס זענען נישט, שאלופי עשו אז די פירער פון עשו רברבי עשו די רבי"ס פון עשו, נתבטלין ווערן בטל ואינן און ווערן אויס.

**נאך** האט דער רבי צוגעלייגט אז די תורה איז מרומז אינעם פסוק, וואס ישעיה הנביא זאגט: 'מכנף הארץ זמרת שמענו' מיר נביאים האבן געהערט ווי א געזאנג גייט ארויף פון די עק פון די לאנד, די געזאנג האט געזינגען 'צבי לצדיק' א שיינקייט וועט קומען פאר יעדן צדיק, 'ואמר' האב איך - ישעיה הנביא - געזאגט 'רזי לי' א סוד איז מיר אנטפלעקט געווארן, 'רזי לי' א סוד איז מיר אנטפלעקט געווארן, צוויי סודות זענען מיר אנטפלעקט געווארן איינס פון שטראפונג און איינס פון ישועות, 'אוי לי' ווי איז צו מיר, ווייל איך ווייס אז ערשט וועט קומען די נבואה פון די שטראף און ערשט שפעטער וועט קומען די ישועה 'בגדים בגדו' די פעלשער וועלן פעלשן, 'ובגד בוגדים בגדו' און אזעלכע וואס וועלן פעלשן אין די פעלשער - וועלן פעלשן (ישעיהו כ"ד, טז). טייטשט דער רבי מער טיפער, 'מכנף הארץ' פון די עק פון די לאנד, זה בחינת דאס איז מרמז כנפי הציצית אויף די עקן פון די ציצית, ששם הרוח חיים וואס ברענגט אויפן מענטש א לעבעדיגע גייסט, שהוא בחינת וואס דאס איז אויך געווען כנור של דוד די פידל פון דוד המלך שהיה מנגן וואס האט געשפילט על ידי הרוח צפונית וכו' דורך די באהאלטענע גייסט וואס ליגט אין די תורה, כנ"ל אזוי ווי אויבן אויסגעשמועסט (אות ב), כי הנגינה והזמירות ווייל די ניגונים און זמירות וואס מען זינגט נמשכין מהרוח חיים קומט פון די לעבעדיגע אטעם שבכנפי ראה וואס קומט פון די לינגען, כידוע וואס ווי באקאנט פון די לינגען קומט דער אטעם, וזהו און דאס איז פשט אין פסוק 'זמרת

בְּחִינַת הַנִּגּוּן שֶׁל כִּנּוֹר שֶׁל דָּוִד, שֶׁהוּא בְּחִינַת הָרוּחַ־חַיִּים, שֶׁהוּא בְּחִינַת כַּנְפֵי הַצִּיצִית, בְּחִינַת מִכְּנַף הָאָרֶץ כַּנַּ"ל. וְעַל־יְדֵי־זֶה מַכְנִיעִין הָרְשָׁעִים, כִּבְחִינַת "לֶאֱחֹז בְּכַנְפוֹת הָאָרֶץ וְיִנָּעֲרוּ רְשָׁעִים מִמֶּנָּה".

וְזֶהוּ: "צְבִי לַצַּדִּיק", פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י: 'עָתִיד לִהְיוֹת מַצָּב וּתְקוּמָה לַצַּדִּיקִים' — הַיְנוּ כַּנַּ"ל, כִּי עַל־יְדֵי הָרוּחַ־חַיִּים הַנַּ"ל מִתְגַּבְּרִין הַצַּדִּיקִים עַל הָרְשָׁעִים כַּנַּ"ל.

וְזֶהוּ: "וָאֹמַר רָזִי־לִי" וְכוּ' אוֹי לִי — פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י, 'שֶׁנִּגְלוּ לִי שְׁנֵי רָזִים: רָז פֻּרְעָנִיּוֹת וְרָז יְשׁוּעָה, וַהֲרֵי תִּרְחַק הַיְשׁוּעָה עַד' וְכוּ' — הַיְנוּ כַּנַּ"ל, כִּי הָרוּחַ שֶׁל הָרָשָׁע גָּדוֹל בְּשַׁעְתּוֹ,

שְׁמַעְנוּ' אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ גֶעזַאנְג, בְּחִינַת דָאס מֵיינְט מֶען הַנִּגּוּן שֶׁל כִּנּוֹר שֶׁל דָּוִד דָאס גֶעזַאנְג פוּנֶעם פִידְל פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ, שֶׁהוּא בְּחִינַת וָואס אִיז הָרוּחַ חַיִּים דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט שֶׁהוּא בְּחִינַת כַּנְפֵי הַצִּיצִית וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, בְּחִינַת מִכְּנַף הָאָרֶץ וָואס דָאס אִיז מְרֻמָּז אִינֶעם פָּסוּק 'מִכְּנַף הָאָרֶץ' פוּן דִי עֶקְן פוּן לַאנְד, דָאס מֵיינְט דִי עֶקְן פוּן דִי צִיצִית כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ז), וְעַל יְדֵי זֶה אוּן דוּרְכְדֶעם מַכְנִיעִין הָרְשָׁעִים טוּט מֶען אוּנְטֶערְטֶעניִגְן דִי רְשָׁעִים בִּבְחִינַת וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (איוב לח, יג): 'לֶאֱחֹז בְּכַנְפוֹת הָאָרֶץ' אָנְצוּכַאפְּן בַּיי דִי עֶקְן פוּן דֶער וֶועלְט, וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי עֶקְן פוּן דִי צִיצִית, 'וְיִנָּעֲרוּ רְשָׁעִים מִמֶּנָּה' אוּן דוּרְךְ דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית וֶועלְן וֶוערְן אָפְּגֶעשָׁאקְלְט אַלֶע רְשָׁעִים פוּן אִיר, דָאס הֵייסְט אַז דוּרְךְ דֶעם וֶוערְן דִי רְשָׁעִים אוּנְטֶערְטֶעניִגְט.

וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק: 'צְבִי לַצַּדִּיק' אַ שֵׁיינְקֵייט וֶועט קוּמֶען פַאר יֶעדְן צַדִּיק, פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י רַשִׁ"י זָאגְט: 'עָתִיד לִהְיוֹת מַצָּב וּתְקוּמָה לַצַּדִּיקִים' דִי צַדִּיקִים וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן זַיין חָשׁוּב, הַיְנוּ כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, כִּי עַל יְדֵי הָרוּחַ חַיִּים וַוייל דוּרְךְ דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט הַנַּ"ל וָואס אִיז אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִתְגַּבְּרִין הַצַּדִּיקִים עַל הָרְשָׁעִים שְׁטַארְקְן זִיךְ דִי צַדִּיקִים אוֹיף דִי רְשָׁעִים כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק 'וָאֹמַר רָזִי לִי' הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט 'רָזִי לִי' אַ סוֹד אִיז מִיר אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן, 'רָזִי לִי' אַ סוֹד אִיז מִיר אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן, וְכוּ' 'אוֹי לִי' 'אוֹי לִי' וֶויי אִיז צוּ מִיר, פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י זָאגְט רַשִׁ"י: 'שֶׁנִּגְלוּ לִי שְׁנֵי רָזִים' עֶס אִיז מִיר אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן צְוֵויי סוֹדוֹת, 'רָז פֻּרְעָנִיּוֹת' אַ סוֹד פוּן שְׁטְרָאפוּנְג, 'וְרָז יְשׁוּעָה' אוּן אַ סוֹד פוּן יְשׁוּעוֹת, 'וַהֲרֵי תִּרְחַק הַיְשׁוּעָה עַד' אוּן וֵויי אִיז צוּ מִיר, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז פְרִיעֶר וֶועט זַיין דִי שְׁטְרָאף אוּן עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער וֶועט זַיין דִי יְשׁוּעָה, וְכוּ', הַיְנוּ כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, כִּי הָרוּחַ שֶׁל הָרָשָׁע וַוייל דֶער גֵייסְט פוּנֶעם

רָשָׁע, גָּדוֹל בִּשְׁעָתוֹ אִיז גְרוֹיס אִין זַיין צַייט, בִּבְחִינַת רוּחַ סְעָרָה אַזוֹי וִוי אַ שְׁטוּרֶעם ווינְט וָואס אִיז גְרוֹיס אִין אִיר צַייט, שֶׁמִּשָּׁם כָּל הַצָּרוֹת וָואס פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע צָרוֹת וַאֲרִיכַת הַגָּלוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל אוּן דִי לַאנְגֶע גָלוּת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט ווייטֶער אִין פָּסוּק: 'בֹּגְדִים בָּגָדוּ' דִי פֶעלְשֶׁער וֶועלְן פֶעלְשְׁן, 'וּבֶגֶד בּוֹגְדִים בָּגָדוּ' אוּן אַזֶעלְכֶע וָואס וֶועלְן פֶעלְשְׁן אִין דִי פֶעלְשֶׁער וֶועלְן פֶעלְשְׁן, כִּי יְנִיקַת הַבּוֹגְדִים וְהָרְשָׁעִים הוּא ווייל דִי רְשָׁעִים אוּן דִי פֶעלְשֶׁער, זֵיי נֶעמֶען זֵייעֶר חִיּוּת מִבְּחִינַת פוּן דִי רוּחַ חַיִּים דְּסִטְרָא אַחֲרָא, וָואס אִיז פְּגַם הַבְּגָדִים פּוֹגֵם זַיין אִין דִי קְלֵיידֶער, דְּהַיְנוּ דָאס מֵיינְט מֶען פְּגַם הַצִּיצִית זֵיי זֶענֶען פּוֹגֵם אִין דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט קַיין צִיצִית, דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי וֶוערְטֶער 'בֶּגֶד בּוֹגְדִים' וָואס אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן קְלֵיידֶער, שֶׁהֵם וָואס זֵיי זֶענֶען בְּכַנְפֵי הַבֶּגֶד בַּיי דִי עֶקְן פוּן דִי קְלֵייד, דִי צִיצִית לִיגְט אוֹיפְן עֶק קְלֵייד, דְּהַיְנוּ מִפְּגַם הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת פוּן פַארְשֶׁעמֶען דִי פִיר יְסוֹדוֹת, שֶׁאֲחִיזָתָן וְשָׁרְשָׁם הָעֶלְיוֹן וָואס זֵייעֶר שׁוֹרֶשׁ אִיז הוּא בְּחִינַת אַרְבַּע צִיצִית פוּן דִי צִיצִית וָואס לִיגְט אוֹיף דִי פִיר עֶקְן כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ח). אֲבָל סוֹף כָּל סוֹף אָבֶער בַּיים סוֹף - זָאגְט דֶער פָּסוּק - וֶועט זַיין: 'פַּחַד' אַ צִיטֶער 'וָפַחַת' אוּן אַ גְרוּב, 'וָפָח' אוּן אַ נֶעץ 'עָלֶיךָ יוֹשֵׁב הָאָרֶץ' וֶועט קוּמֶען אוֹיף דִיר אַיינְוואוֹינֶער פוּן לַאנְד וְכוּ', כִּי כָּל הָרְשָׁעִים ווייל אַלֶע רְשָׁעִים יִכְרְעוּ וְיִפֹּלוּ וֶועלְן הָאבְּן אַ מַפָּלָה, כִּי לַסּוֹף כָּלֶה וְנֶאֱבָד ווייל בַּיים סוֹף וֶוערְן דִי רְשָׁעִים אוֹיס וְכוּ', כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. כִּי הַצַּדִּיקִים גְּמוּרִים ווייל דִי צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט מַכְנִיעִין אוֹתָם טוּעֶן אוּנְטֶערְטֶענִיגְן דִי רְשָׁעִים, וּמַשְׁפִּילִים רְשָׁעִים עֲדֵי אָרֶץ אוּן זֵיי לֵייגְן אַרָאפּ דִי רְשָׁעִים בִּיז דֶער עֶרְד, עַל יְדֵי הָרוּחַ חַיִּים שֶׁלָּהֶם דוּרְךְ זֵייעֶר לֶעבֶעדִיגֶע גֵייסְט שֶׁהוּא בְּחִינַת צִיצִית וָואס אִיז דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, בְּחִינַת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'מִכְּנַף הָאָרֶץ זְמִרֹת שָׁמַעְנוּ' אַ גֶעזַאנְג גֵייט אַרוֹיף פוּן דִי

**בִּבְחִינַת רוּחַ־סְעָרָה, שֶׁמִּשָּׁם כָּל הַצָּרוֹת וַאֲרִיכַת הַגָּלוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל.**

**וְזֶהוּ: "בֹּגְדִים בָּגָדוּ וּבֶגֶד בּוֹגְדִים בָּגָדוּ" — כִּי יְנִיקַת הַבּוֹגְדִים וְהָרְשָׁעִים הוּא מִבְּחִינַת פְּגַם הַבְּגָדִים, דְּהַיְנוּ פְּגַם הַצִּיצִית, שֶׁהֵם בְּכַנְפֵי הַבֶּגֶד, דְּהַיְנוּ מִפְּגַם הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת, שֶׁאֲחִיזָתָן וְשָׁרְשָׁם הָעֶלְיוֹן הוּא בְּחִינַת אַרְבַּע צִיצִית כַּנַּ"ל. אֲבָל סוֹף כָּל סוֹף: "פַּחַד וָפַחַת וָפָח עָלֶיךָ יוֹשֵׁב הָאָרֶץ" וְכוּ' — כִּי כָּל הָרְשָׁעִים יִכְרְעוּ וְיִפֹּלוּ, כִּי לַסּוֹף כָּלֶה וְנֶאֱבָד וְכוּ' כַּנַּ"ל, כִּי הַצַּדִּיקִים גְּמוּרִים מַכְנִיעִין אוֹתָם וּמַשְׁפִּילִים רְשָׁעִים עֲדֵי אָרֶץ עַל־יְדֵי הָרוּחַ־חַיִּים שֶׁלָּהֶם, שֶׁהוּא בְּחִינַת צִיצִית, בְּחִינַת "מִכְּנַף הָאָרֶץ זְמִרֹת שָׁמַעְנוּ" כַּנַּ"ל.**

עֶק פוּן דִי לַאנְד, כַּנַּ"ל אַזוֹי וְוִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

**כִּנּוֹר** שֶׁל חָמֵשׁ נִימִין דִי פִינְף סְטְרוּנֶעס פוּנֶעם פִידְל בְּחִינַת הַתּוֹרָה דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, וְכֵן כָּתוּב בַּזֹּהַר אוּן אַזוֹי שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (צו לב.): 'וְתוֹפְשֵׂי הַתּוֹרָה אִלֵּין דְּתָפְשִׂין בְּכִנּוֹרָא'.

**חָמֵשׁ אֲנִי אִית לָרֵאָה** (חֻלִּין מ"ז.) דִי לוּנְגֶען הָאבְּן פִינְף טֵיילְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס וְוִי אַן אוֹיעֶר, פַארְוָואס דִי נוּמֶער פִינְף? כִּי רוּחַ הַחַיִּים הוּא בְּהָרֵאָה ווייל דִי לוּנְגֶען גֶעבְּן אַרוֹיס דִי אָטֶעם, וּמִשָּׁם הַמְשָׁכַת הָרוּחַ שֶׁל הָאֲנָחָה אוּן אַזוֹי קֶען מֶען קְרֶעכְצְן, כַּיָּדוּעַ בְּחוּשׁ אַזוֹי וְוִי אַלֶע ווייסְן, וְעַל כֵּן אִית לָהּ חָמֵשׁ אֲנִי לָרֵאָה אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָא פִינְף אוֹיעֶרְן אִין דִי לוּנְגֶען, כְּנֶגֶד חֲמִשָּׁה חֻמְּשֵׁי תּוֹרָה אַנְטְקֶעגְן דִי פִינְף סְפָרִים, חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר אִיז דָא ה' נִימִין דְּכִנּוֹר דְּדָוִד פִינְף סְטְרוּנֶעס אִין דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס פִידְל, אַנְטְקֶעגְן דִי פִינְף חֻמָּשִׁים פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ אוֹיךְ אַיינְגֶעטֵיילְט דִי סֵפֶר תְּהִלִּים אוֹיף פִינְף סְפָרִים, שֶׁשָּׁם הָרוּחַ־חַיִּים כַּנַּ"ל אַזוֹי וְוִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

**כִּנּוֹר** שֶׁל חָמֵשׁ נִימִין — בְּחִינַת הַתּוֹרָה; וְכֵן כָּתוּב בַּזֹּהַר (צו לב.): 'וְתוֹפְשֵׂי הַתּוֹרָה — אִלֵּין דְּתָפְשִׂין בְּכִנּוֹרָא'.

**חָמֵשׁ אֲנִי אִית לָרֵאָה** (חֻלִּין מ"ז.) — כִּי רוּחַ הַחַיִּים הוּא בְּהָרֵאָה, וּמִשָּׁם הַמְשָׁכַת הָרוּחַ שֶׁל הָאֲנָחָה, כַּיָּדוּעַ בְּחוּשׁ, וְעַל־כֵּן אִית לָהּ חָמֵשׁ אֲנִי לָרֵאָה, כְּנֶגֶד חֲמִשָּׁה־חֻמְּשֵׁי־תוֹרָה. ה' נִימִין דְּכִנּוֹר דְּדָוִד, שֶׁשָּׁם הָרוּחַ־חַיִּים כַּנַּ"ל: (עַיֵּן בַּתִּקּוּנִים, תִּקּוּן י: כַּנְפֵי מִצְוָה, אִנּוּן ה' קִשְׁרִין לָקֳבֵל שְׁמַע וְכוּ', דְּאִנּוּן לָקֳבֵל ה' נִימִין דְּכִנּוֹר דְּדָוִד וְכוּ', עַיֵּן שָׁם. גַּם עַיֵּן בְּהַשְׁמָטוֹת הַזֹּהַר):

(עַיֵּן בַּתִּקּוּנִים קוּק אַרַיין אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר תִּקּוּן י: 'כַּנְפֵי מִצְוָה' אִין דִי עֶקְן פוּן דִי צִיצִית 'אִנּוּן ה' קִשְׁרִין' אִיז דָא פִינְף קְנִיפְּן, 'לָקֳבֵל שְׁמַע' וְכוּ' אַנְטְקֶעגְן דִי וֶוערְטֶער שְׁמַע, יִשְׂרָאֵל, ה', אֱלֹקֵינוּ, ה', 'דְּאִנּוּן לָקֳבֵל' וָואס אִיז אַנְטְקֶעגְן 'ה' נִימִין דְּכִנּוֹר דְּדָוִד וְכוּ'' דִי פִינְף סְטְרוּנֶעס פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס פִידְל, וָואס פְלֶעגְט שְׁפִּילְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, אוּן דִי דְרַייצְן חֻלְיוֹת אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי וָוארְט 'אֶחָד' וָואס בַּאטְרֶעפְט דְרַייצְן, עַיֵּן שָׁם.

**גַּם** עַיֵּן בְּהַשְׁמָטוֹת הַזֹּהַר קוּק אַרַיין אִין דִי הַשְׁמָטוֹת אִין זוֹהַר חָדָשׁ, אַז דִי פִינְף שְׁטֵיינֶער וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶענוּמֶען צוּ הַרְגֶ'עֶנֶען דֶעם פְּלִשְׁתִּי, 'נָטַל לוֹן בַּחֲמִשָּׁה תֵּבִין דְּאִינוּן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה'' אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַנְטְקֶעגְן דִי אוֹתִיּוֹת פוּן קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן אַזוֹי וֶועט דָוִד הַמֶּלֶךְ וָואס עֶר אִיז מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, דֶער רַב בִּקְדוּשָּׁה - אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ רוּחַ חַיִּים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דוּרְךְ אַרַיינְשַׁיינֶען דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, דִי פִינְף סְטְרוּנֶעס פוּנֶעם פִידְל 'שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה'):

**וְוֶען** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי תּוֹרָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי

שְׁלוֹמֵינוּ, וֶוען עֶנְק וֶועלְן אַהֵיים גֵיין און מֶען וֶועט עֶנְק פְרֶעגְן וָואס הָאבְּן עֶנְק מְקַבֵּל גֶעוֶוען בַּיי עֶנְקֶער רֶבִּי, זָאלְן עֶנְק עֶנְטְפֶערְן: 'לוּפְט'; וַוייל דֶער צַדִּיק גֶעבְּט לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, עֶר בְּלָאזְט אַרַיין אַ רוּחַ חַיִּים, אַ חַיוּת, אַ הָאפֶענוּנְג.

**וֶוען** דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: 'אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט דִי זֶעלְבֶּע תּוֹרוֹת אַזוֹי וִוי רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן מְאוֹסְטְרוֹפּוֹלִי וָואס פְלֶעגְט זָאגְן טִיפֶע תּוֹרוֹת, שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן תּוֹרָה כב, הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס זֶענֶען דִי תּוֹרוֹת פוּן רֶבִּי'ן'.

# מהדורת ליבערמאן

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יהודה ארי' לייב**
**ליבערמאן הי"ו**
**וזוגתו אסתר דאבה**

**וילדיהם**

**מלכה רבקה, משה טובי', עמנואל**
**צבי אלימלך, שמחה בונים.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבו לטובה, ויתברך מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים יגן וימליץ בעדו תמיד,

אמן כן יהי רצון.